STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03248

DI SHULE FUN DER TSUKUNFT

Ellen Kay

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

No. 4—5

זאַמלונג „פאָלקסבילדונג״

עללען קעי.

די שולע פון דער צוקונפט.

איבערז. דורך י. גאָלדשמידט

פרייז 20 סענט.

ארויסגעגעבען פון
פערלאַג „פאָלקסבילדונג״
הויפט־פערקויף ביי דעם „ליטעראַרישען פערלאַג״
256 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק
1915.

י. ל. פּרץ פֿאָלקס שול
ביבליאָטעק
איבערגעגעבן פֿון
יוסף - אַל[illegible]
[illegible] משפּח[illegible]

איך וויל דאָ אין קורצע שטריכען איבערגעבען מיינע חלומות פון א צוקונפטסשול, וואו די קינדערשע נשמה׳לעך זאָלען קענען בעקומען א פרייע פולע זעלבסטענטוויקלונג. איך זאג מיט א כיוון ,,חלומות״, אום מען זאָל ניט מיינען, אז איך פרעטענדיר און האָב בדעה צו געבען א פראָגראם פון רעפאָר־מען פאר דער געגענוואַרט.

* *
*

מיין ערשטער טרוים איז, דער קינדערגאָרטען און די קליינקינדערשול זאָלען איבעראַל פערביטען ווערען אויף דעם הויזליכען אונטערריכט.

ס׳איז קיין ספק ניט, אז די גאנצע בעוועגונג צו רעפאָר־מירען די ערציהונג, וואָס דער פועל־יוצא איהרער, צווישען אנדערע רעזולטאטען, איז געווען די בעשאפונג פון פעסטאלאָצי־און פרעבעל־שולען און פון אנדערע עהנליכע אנשטאַלטען --- אז אָט די גאנצע בעוועגונג האָט געהאט א טיעפע שטארקע ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון בעסערע ערציהערינס. איך האלט אָבער פאר א גרויסען אונגליק דאָס, וואָס די געזעלשאפט איז אַלץ מעהר געניינט צו בעטראַכטען די ,,יאסלעס״ (פריוטען), דעם קינדערגאָרטען און די קינדערשול אַלס דעם **אידעאלען פלאַן פון ערציהונג**. אין יעדער דיסקוסיע איבער די מעגליכקייטען פון דער פרוי צו ארבייטען אינ׳ם געזעלשאפט־ליכען לעבען ווייזט מען אָן, אז אָט דער ערציהונגס־פלאַן וועט בעפרייען די מוטערס פון דער השגחה איבער די קינדער --- און

די קינדער פון דער שלעכטער ערציהונג מצד די מוטערס --- און וועט די פרויען געבען די מעגליכקייטען צו ארבייטען אויסער־האלב די ד׳ אמות פון פאמיליענלעבען. אנ׳אמעריקאנישע שריפטשטעלערין שלאָגט פאָר אלס א מיטעלוועג, אז יעדע פעדאגאָגיש בעגאבטע מוטער זאָל צו איהרע קינדער צוזעצען א גרופע פרעמדע קינדער און ערציהען זיי אלע צוזאמען. אָבער וואָס עס וועלען בעקומען אונטער אזעלכע פערהעלטניסען די אייגענע, דאָס איז גענוג גוט בעקאנט פון יענע אָרימע קינדער, וואָס זענען אויסגעוואקסען אין ערציהונגס־אנשטאלטען, וואו זייערע עלטערן זענען געווען משגיחים, און פון די אָרימע עלטערן, וועלכע האָבען געליטען דערפון, וואָס זיי האָבען אונטער אָט די פערהעלטניסען ניט געקענט גענוג אכטונג געבען אויף די אייגענע קינדער.

ס׳איז גאנץ ריכטיג, אז אונטער די איצטיגע פערהעלט־ניסען, מיט אנ׳אונגעהויערער צאָהל מוטערס, וואָס ארבייטען אויסער׳ן שטוב און וואָס זענען שלעכט פאָרבערייטעט פאר זייערע פליכטען, --- זענען די פערשיעדענע פריוטען און דער קינדערגאָרטען געווען און זענען נאָך אויך איצט פאר פיעלע קינדער א גליק. און א וואָסער־ס׳איז טיפ פון א קינדערגאָרטען וועט אפשר שטענדיג נויטיג זיין אלס הילפסמיטעל, אין בעזונדערע פערהעלטניסען, צום ביישפיעל, ווען א קינד האָט ניט קיין שפיעל־חברים, אָדער ווען א מוטער האָט ניט קיין חשק אָדער קיין פעהיגקייטען אליין צו ערציהען. דאָס שטאמט געוועהנליך דערפון, וואָס די מוטער האָט א צראונ־רוהיגען, א צרווילענסשוואכען, אָדער א צר־מעלאנכאָלישען כאראקטער.

אין א סך פאלען קען מען נאָך אויך איצט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון מערי וואָלסטאָנקראפט, ארויס־

געזאָגט נאָך מיט הונדערט יאָהר צוריק: „אויב די קינדער ווערען ניט ערמאָרדעט פון זייערע אונוויסענדע מוטערס פיזיש, דאַן געהען זיי אָבער צו גרונד פסיכיש דורך די אונפעהיגקייט פון די מוטערס צו ערציהען. די ערשטע זעקס יאָהר פון די קינדערס לעבען, די טייערסטע צייט, ווען עס ווערט בעשטימט די גאַנצע ענטוויקלונג פון זייער כאַראַקטער, לאָזען די מוטערס זיי איבער אויף די הענד פון דער דיענערשאַפט. אמאָל וואָלט אפשר גראַדע די פשוט׳ערע עהרליכערע דיענערשאַפט געהאַט א בעסערע ווירקונג אויף דעם קינדס ערציהונג, --- ווערט אָבער אָט די ווירקונג בטל דורך די גראָבע בעהאַנדלונג געגען די שטוב־מענשען מצד די עלטערן. דערנאָך גיט מען די קינדער איבער דער שול, וועלכע דאַרף אויסוואָרצלען די שלעכטע זיטען זייערע, וואָס נור די וואַכזאַמע השגחה פון די מוטערס וואָלט גאָר לכתחילה געקענט פערהיטען פון זיי. די שול אָבער גע־ברויכט דערויף אַזוינע מיטלען, וואָס לעגען פון זייער זייט דעם יסוד צו אַלערליי מאוס׳ע געוועהנהייטען. אָבער ווייל עס זענען נאָך דאָ א סך אַזוינע פאַלען, ווייל עס וועלען נאָך אימער זיין מוטערס אָהן ערציהערישע פעהיגקייטען, וואָלט פונדעסטוועגען געווען א לייכטזין צו מיינען, אַז דאָס רוב פרויען קענען ניט אויסגעבילדעט ווערען אַלס ערציהערינס, ווען מ׳זאָל ווירקליך שטעלען די אויסבילדונג צו זיין א ערציהערין אַלס א נויטיגען פונקט אין דער פרוי׳ס ענטוויקלונג. צו בעשאַפען א נייעם דור ערצויגענע מוטערס, וואָס זאָלען צווישען אַנדערע זאַכען, בע־פרייען די קינדער פונ׳ם קינדער־גאָרטען סיסטעם, --- דאָס איז איינע פון די אויפגאַבען פון דער צוקונפט. מען נעהמט ביי אונז, צום ביישפיעל, די קינדער שוין אינ׳ם עלטער פון צוויי־דריי יאָהר און מען זעצט זיי צוזאַמען אין סטאַדעס, מען לאָזט זיי ארבייטען נאָך איין פלאַן און מאַכען איינע און די זעלבע

קליינליכע, נארישע און אוננוציגע ארבייט. דאָס הייסט ביי אונז --ערציהען מענשען, אין אמת אָבער מושטירט מען אויף אזא שטייגער נור אויס אָנשטאָט לעבעדיגע מענשען--ליימענע גולם׳ס. ווער עס האָט אלס קינד געשפּיעלט זיך אויפ׳ן ברעג ים, אָדער אין וואלד, אין א גערוימען קינדער־צימער אָדער אויף א בוידעם, און האָט אויך אנדערע קינדער אזוי שפּיעלען געזעהען, דער וויס, וואָס פאר אַן׳אונגעהויער גרעסערן ווערט אזא פרייעס שפּיעל האָט פאר דער פערטיעפונג פון דער נשמה, פאר דער אונטערנעהמונגסלוסט און פאר דער פאנטאזיע פון קינד, אין־פערגלייך מיט די שפּיעלען און בעשעפטיגונגען, וואָס ערוואקסענע אָרדנען פאר איהם איין און האקען איבער אינמיטען, ווען ס׳קומט די מינוט. אָנשטאָט צו געוועהנען די קינדער צו קענען זיך אליין אונטערהאלטען און פערברענגען די צייט אין דער איינזאמקייט, ערציהט מען אין זיי דורך אָט די קינצליכע שפּיעלען א געוועהנהייט, צו אונטערהאלטען זיך אין סטאדעס--- א געוועהנהייט וואָס איז איינע פון די סימנים פון גייסטיגער געמיינ־הייט, וואָס ברענגט די קינדער צו שאפען איבעריגע זאכען און זיך נאָך דערצו איינצורעדען, אז דאָס זענען נוצליכע „ארבייטען״! לערנען די קינדער צו פעראכטען אלץ וואָס ניט נויטיג, אלץ וואָס פערדארבט, פערקינצעלט און מאכט שווער דאָס לעבען; לערנען זיי, צו מאכען דאָס לעבען איינפאכער און צו זוכען זיינע גרויסע ווירקליכע ווערטען-- אָט וואָס עס דארף זיין די אויפ־גאבע פון דער ערציהונג. דאָס קינדערגאָרטען־סיסטעם איז, פערקעהרט, איינס פון די בעסטע מיטלען, צו ערציהען שוואכע דילעטאנטען און פער׳עקשנ׳טע סטאדע־לייט!

האלט מען אָבער אז דער קינדערגאָרטען איז נויטיג אויף ווייטער אָדער אויך אין דער צוקונפט, דאַן דארף ער פאר די קינדער זיין א פלאץ, וואו זיי זאָלען האָבען די זעלבינע פרייהייט

ווי קעצלעך אָדער הינטלעך, צו שפּיעלען זיך פאַר זיך אַליין און אַליין פון זיך עפּיס אויסצוטראַכטען, און וואו זיי זאָלען זיין פערזאָרגט מיט מיטלען, אויסצופיהרען זייערע שפּיעלען, און מיט חברים, צו שפּיעלען זיך מיט זיי. לאָז דערביי זיצען אַ קלוגע פרוי און אַכטונג געבען, אָבער אַריינמישען זיך זאָל זי נור דאַן, ווען די קינדער האַלטען ביי׳ם אָנטאָן אַ שאָדען זיך אַליין אָדער איינס דעם אַנדערן. לאָז זי זיי ווייזען דאָס און יענץ, דערצעהלען זיי אַ מעשה׳לע אָדער לערנען אַ פרעהליכען שפּיעל, אָבער אין אַלע איבריגע זאַכען דאַרף זי בלייבען לפנים גאַנץ פּאַסיוו, און דאָך אונערמיעדליך אַקטיו בעאָבאַכטען די כאַראַקטער־שטריכען, די נייגונגען און פעהיגקייטען, וועלכע ווייזען זיך קלאָר אַרויס נור אין אָט דער פרייער פאָרם פון שפּיעל. אויף אַזאַנ׳אופן דאַרף אויך די מוטער אַכטונג געבען, ווי אַזוי די קינדער שפּיעלען זיך, ווי אַזוי זיי בעהאַנדלען זייערע שפּיעל־חברים, וואָסערע נייגונגען זיי ווייזען אַרויס בעת׳ן שפּיעל, און זאַמלען וואָס מעהר מאַטעריאַל, אַריינמישענדיג זיך וואָס ווייניגער. די דאָזיגע לאַנגדויערנדע, אַלזייטיגע, אָנגעשטרענגטע פּאַסיווע בעאָבאַכטונג פערשאַפט סוף כל סוף דער מוטער אַ מעהר אָדער ווייניגער גענויע קענטניס פונ׳ם קינד; אינגאַנצען קען אַ מענש קיין מאָל ניט דערקענען דעם כאַראַקטער פונ׳ם צווייטען, עס מעג אפילו זיין אַ מוטער, וואָס האָט איהר קינד דאָס לעבען געגעבען און שענקט עס איהם טאָג־טעגליך אויף־ס׳ניי. ס׳איז דאָ אַ גאַנץ ריכטיגע מיינונג, אַז פונקט אַזוי ווי דאָס געבאָרען אַ קינד איז אַ צייכען פון פיזישער צייטינקייט, אַזוי איז דאָס ערציהען אַ קינד אַ סימן פון פּסיכישער צייטיגקייט. אָבער דורך זייער אונפעהיגקייט אַריינצוקוקען אין דער נשמה פונ׳ם קינד, פערבלייבען דאָס רוב עלטערן זייער גאַנץ לעבען אונצייטיג. זיי קענען זיין דורכגעדרונגען מיט די בעסטע פּרינציפּען, מיט דער גרעסטער

נעטרייקייט און איבערגעבענקייט זייער חוב, און צו דער זעלבער צייט — שטאַר־בלינד זיין געגען דער נאַטור פון די קינדער, לגמרי ניט פערשטעהן די ווירקליכע אורזאַכען פון זייערע האַנדלונגען און די פערשיעדענע פערבינדונגען, וועלכע קומען פאַר צווישען נעוויסע אייגענשאַפטען פון כאַראַקטער.

מיר׳ן דערמאָנען איינינע פון די גרעבסטע טעות׳ן וואָס מען בענעהט נעגען קינדער. אַ קינד, וואָס פערקוקט זיך נייגעריג אין אַ שפּיעגעל, בעשולדיגט מען אין קאָקעטעריי; אַ קינד, וואָס ענטפערט ניט, אָדער פאָלגט ניט, פאַר מורא, אָדער צומושט־קייט בעת מ׳וועגדט זיך צו איהם מיט שטרענגע אָדער אונפער־שטענדליכע ווערטער, רופט מען עקשן. אַ קינד, וואָס קען ניט ערקלערען זיינע האַנדלונגען אין אַזוינע קליינינקייטען, וואָס אפילו דערוואַקסענע פערלירען אין זיי אָפט דעם זכרון, אַזא קינד האַלט מען פאַר אַ ליגנער; און אויב דאָס קינד נעהמט עפּעס, ניט נעפרעגט ערהייט, ווייל עס האָט נאָך ניט קיין בע־גריף וועגען אייגענטום־רעכט, זידעלט מען עס: גנב! אַ קינד, וואָס זאָגט, דאָס ער וויים, אַז ער איז שלעכט, נור ער וויל אַזוי זיין, — האַלט מען פאַר אַנ׳עזות־פּנים און אַ פערדאָרבענעם; בעת אין דער אמת׳ן בעווייזט דאָס גאָר גראַדע פערקעהרט אַזא זעלבסטבעוואוסטען כאַראַקטער, וואָס מען קען אויף איהם ווירקען אויפ׳ן בעסטען אופן. אויב אַ קינד, וואָס איז אריינ־געטאָן אין זיינע געדאַנקען, פערגעסט די אַלטעגליכע קלייניג־קייטען, זאָגט מען אַז ער איז אַ תם. און ווען אַ קינד ווייזט אפילו אַרויס ווירקליכע עקשנות, ליגנערשאַפט אָדער פוילקייט, דאַן ווערען אָט די פעהלערען בעטראַכט פאַר אַ צולאָזענקייט, בעת אין אמת׳ן שטאַמען זיי גאָר אָפט פון אַנ׳אַנדער פעהלער, וואָס ליעגט פיעל טיעפער און וואָס מיט איהם גאָר דאַרף מען קעמפפען, אָדער אמאָל, פערקעהרט, ליעגט גאָר די אורזאַכע

אין אַ גוטע אייגענשאַפט פון כאַראַקטער, וואָס מען קען נאָך לייכט איבערפיהרען, ווען מ׳זאָל דעם פעהלער בעקעמפפען מיט ניט געהעריגע מיטלען.

אָבער אַפילו יענע היינטוועלטיגע עלטערן, וואָס זענען שוין פעהיג אַריינצוקוקען אין דער נשמה פון זייערע קינדער בעסער ווי די טאַטעס און מאַמעס פון אַמאָליגער וועלט, זענען פונדעסטוועגען אויך ניט אימשטאַנד צו שטודירען דעם כאַראַקטער פון די קינדער, וואָס זענען שוין פון די צאַרטעסטע יאָהרען זייערע איינגעשפּאַנט אין יאָך פון דעם קינדערגאָרטען און דער שול. דערפון, וואָס די עלטערן פערשטעהן ניט זייערע קינדער, שטאַמען עס יענע אַלע טעות׳ן און פעהלערן, וואָס זענען אָפט די סבה פונ׳ם טיעפען תהום צווישען קינדער און עלטערן, וואָס פערביטערט איצט דאָס לעבען פון אַ סך פאַמיליען. נור די מוטער און דער פאָטער, וואָס זענען מסוגל טיעף צו אַכטען די אינדיווידואַליטעט פון זייערע קינדער און צו גלייכער צייט דאָס גאַנצע לעבען אונערמידליך צו בעאָבאַכטען זיי, נור אַזוינע עלטערן קאָנען אויסמיידען דעם געוועהנליכען טעות פון היינטיגער צייט, צו פערלאַנגען פון אַ דאָרנשטרויך ווייטרויבען. דאָס שטודירען מיט אַ טיעפזיכטיגען אויג די קינדערשע פּסיכאָלאָגיע ברענגט מיט זיך די עניות׳דיגע צופריעדענקייט, ניט צו וועלען שאַפען דאָרטען, וואו עס איז קיין שטאָף צום שאַפען ניטאָ, אָבער פעהיג צו זיין צו ענטוויקלען יענע אייגענשאַפטען, וואָס געפינען זיך שוין אין דעם קינד׳ס נשמה. און דאָס וועט אָבהאַלטען אַ סך עלטערן צו פערלאַנגען פון זייערע קינדער אַזוינע איבריגע זאַכען, וואו די ענערגיע געהט לאיבוד און וואָס פערשאַפט אומזיסטע יסורים סיי די עלטערן סיי די קינדער.

אָבער דאָס שטודירען די פּסיכאָלאָגיע פון אַ קינד, וואָס ווערט אָנגעהויבען פון זיין געבאָרען אָן און ווערט פאָרטגעזעצט

בעת זיין שפּיעלען, ביי זיין אַרבייט און זיין רוה; אַזאַ שטודיום, וואָס ווערט טאָג־טעגליך איבערגע׳חזר׳ט און אונטערזוכט, פערלאַנגט דעם גאַנצען מענשען. דאָס איז נור מעגליך פאַר אַ מענשען, וואָס האָט אונטער זיין השגחה וועניג קינדער. אין סטאַדעם איז דאָס אוממעגליך, ווייל מאַסענווייז זענען די קינדער מעהר אָדער וועניגער עהנליך איינס אויף דאָס אַנדערע, וואָס ס׳מאַכט די השגחה נאָך שווערער.

דער קינדער־גאָרטען איז נור אַ פאַבריק, און דאָס וואָס די קינדער לערנען דאָרטען צו „אַרבייטען" לויט אַ פאַרטיגען מוסטער, אָנשטאָט צו קענען זייערע ליים־קוגעלעך לויט׳ן אייגענעם געשמאַק, דאָס קען דיענען פאַר אַ טיפּישען ביישפּיעל פון דעם פּראָצעס, וואָס ס׳מאַכט דורך דאָס קליינע מענשען־מאַטעריאַל, ד. ה. דאָס קינד אַליין. פון׳ם אונטערשטען פאַבריק־שטאָק (דער קינדער־גאָרטען) ווערען די אויסגעטאָקטע צאַצקעס אַרויפגעשיקט אויפ׳ן העכערען שטאָק (די שול) און פון דאַנען געהען זיי אַרויס — צוואַנציג אויפ׳ן טוץ!

דער צוועק אָבער פון דער שול־ערציהונג דאַרף זיין — גע־גענצווויירקען מיט אַלע כחות דער דאָזיגער טוץ־אַרבייט, וואָס איז אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע היינטיגע צייטען. דאָס שאַפען אַ וואָס מעגליך גרעסערע צאָהל אינדיווידועלע שול־מעטאָדען וואָלט אפשר געקענט פערקלענערן די אָגולנע פּראָדוקציאָן פון שאַבלאָן־מענשען.

כל זמן עס עקזיסטירען נאָך גרויסע שטעדט, מוז מען פאַר די אָרימע קינדער דאָרטען שאַפען די מעגליכקייטען, וואָס ס׳האָבען די דאָרפישע קינדער: צו מאַכען זיך שפּיעלזאַכען פון׳ם וועלטעל וואָס אַרום זיי און אויסצופיהרען אין דער היימישער סביבה אמת׳ע „אַרבייט", ניט די שפּיעל־„אַרבייט" פון קינדער־גאָרטען, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט מיט דעם

ערנסט פון דער ווירקליכקייט. אַ קלוגע מוטער אָדער לעהרערין נעהמט איבער פונ׳ם קינדערגאָרטען־סיסטעם פונקט אַזוי פיעל, וויפיעל ס׳איז נויטיג אויף אויסצולערנען די קינדער צו בעאָב־אַכטען די נאַטור און זייער אַרומיגע סביבה, אויף צו פערבינדען צייטענווייז זייער טעטיגקייט מיט אַ וואָסער־ס׳איז נוצליכען צוועק און זייער פערגעניגען מיט אַ וועלכען ס׳איז ערנסטען געדאַנק.

דער פרעבעל־פרינציפ: „לאָמיר לעבען פאַר די קינדער!" דאַרף פערביטען ווערען אין אַנ׳אַנדער׳ן, מיט אַ רייכערן אינ־האַלט: „לאָמיר די קינדער לאָזען לעבען!".

און דאָס בעטייט אגב — בעפרייען די קינדער פון דער אויס׳חזר׳ן־דרעסירונג, פון די מעטאָדיק־פאָרמען, פון דעם סטאַדעס־יאָך אין יענע יאָהרען, ווען די שטילע פערבאָרגענע ארבייט פון דער נשמה איז פונקט אַזוי וויכטיג, ווי דאָס וואַקסען פונ׳ם קערענד׳ל אין דער ערד! דאָס קינדערגאָרטען־סיסטעם אָבער איז גלייך צו דעם ווי מען לאָזט וואַקסען די קערנדלעך אויף אַ טעלער, וואו ער לאָזט זיך פאַנאַנדער אפילו גאַנץ שען — אָבער אויף אַ קורצע צייט.

די נשמות פון די דייטשען ווערען שוין אין קינדער־גאָרטען אויסגעמושטירט פאַר׳ן מונדיר, און בכלל מאַכט אומעטום די שול מיט איהר סטאַדע־און מיליטער־גייסט אַ וועג פאַר געזעל־שאַפטליכער געמיינהייט און פערדאָרבענקייט. די מאָדערנע געזעלשאַפט דערגעהט אַזוי ווייט, אַז זי חזר׳ט אָפּט איבער די פערברעכענס פון אַלע פערגאַנגענע יאָהרהונדערטען, הגם אין פריוואַטען לעבען קענען זיך די היינטיגע מענשען אפשר זיין גאַנץ שענע לייט. וואָרום די גרויסע פערברעכער, וואָס פיהרען נאָך זיך די מאַסע וואָלטען קיין מאָל ניט געקענט ברענגען די מאַסע אין בעוועגונג, ווען זי וואָלט לחלוטין ניט געווען ערצויגען

אלס מאסע, צו האלטען זיך בלינד אָן די אַלגעמיין־אָנגענומענע געזעצען פון עהרע, אַלגעמיין־אָנגענומענע פּאַטריאָטישע גע־פיהלען און קאָלעקטיווע בעגריפען פון פליכט און רעכט. דאָס קינד לערנט זיך אויס צו זיין געהאָרכזאם זיין שול, לאָיאַל קעגען זיין קרייזעל חברים, און שפּעטער בנוגע צו זיין אוניווערזיטעט, זיין קאָרפּאָראַציע, זיין שטעלע --- ס׳לערנט זיך דאָס אויס פריהער נאָך איידער ס׳בעווייזט צו פערשטעהן, ווי צו פערהאַלטען זיך עהרליך צו די פּאָדערונגען פונ׳ם אייגענעם געוויסען, צום אייגענעם געפיהל פון רעכט, צו די אייגענע פערלאַנגען און נייגונגען. ס׳לערנט זיך אויס צו קוקען דורך די פינגער, צו פער־גלעטען און פערפּוצען, צו פערלייקענען די חטאים פונ׳ם אייגענעם חבר׳שען קרייזעל, פון דער אייגענער קאָרפּאָראַציע, פונ׳ם איי־גענעם פאָטערלאַנד.

דערפון קומען עס אַרויס אויף דער וועלט איהרע דרייפוס־אַפּערען און איהרע טראַנסוואַאַל־מלחמות.

ווייל מען ערציהען מענשען און ניט קיין מאַסע, דאַן דאַרף מען ווירקליך אָננעהמען דאָס ערציהונגס־פּראָגראַם פונ׳ם גרויסען מלוכה־מאַן שטיין: „ענטוויקלען יענע אַלע אימפּולסען, נייגונגען, וואָס פון זיי העננט אָב דער ווערט און די קראַפט פונ׳ם מענשען״. דאָס איז אָבער מעגליך נור, ווען מען לערנט דאָס קינד ווי מעגליך פריהער צו פערשטעהן די פרייהייט און די געפאַהר פון דער אייגענער בחירה, דאָס רעכט און די אחריות פונ׳ם אייגענעם ווילען, די תנאים און די אויפגאַבען פון די אייגענע נסיונות --- גראַדע אַלזאָ דאָס, וואָס דער קינדער־גאָרטען ארבייט אונבעוואוסט אַנטקעגען דעם, און וואָס ס׳איז מעגליך אויסצופיהרען נאָר אין אַ היים. אוועק־שטעלען יעדען יחיד פנים אל פנים מיט זיין אייגענעם געוויסען — דאָס איז דער בעסטער רעזולטאַט פון דער ערציהונג. און

דאָס שליסט בשום אופן ניט אויס די מעגליכקייט פאַר דעם זעלבען יחיד ביסלעכווייז, שריט פאַר שריט צו פיהלען דאָס גליק און דאָס בעדערפנים צו זיין אַ נוצליכער פּרט, וואָס דיענט דעם כּלל, אַ פריער אין דער־היים, דער־נאָך אינ׳ם חבר׳שען קרייזעל, אינ׳ם פאָטערלאַנד, און לסוף אין דער גאַנצער וועלט. דער אונטערשיעד איז נור, וואָס אין איין פאַל איז דער מענש אַ לעבעדיגע צעלע, וואָס ווירקט־מיט ביי׳ם אויפבויען לעבעדיגע פאָרמען, און אין אַנדער פאַל איז ער אַ ציעגעל, וואָס ווערט געברויכט אויף צום בויען מיט איהם!

אָבער דער קינדער־גאָרטען און די שולע שטעהען נידריגער פאַר דער אייגענער היים ניט נור בנוגע דער ענטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט, נאָר אויך אין דעם פּרט פון ערציהען דעם געפיהל. אין דעם געשלאָסענעם קליינעם קרייז קען דאָס געפיהל ווערען איניג און אויפריכטיג; דאָ קען זיך ענטוויקלען די צערטליכקייט דורך די נאַטירליכע האַנדלונגען פונ׳ם היימישען לעבען. דער קינדער־גאָרטען אָבער און שפּעטער די שולע רייסען אָב די קינדער פון די נאַטירליכע היימישע פליכטען און שטעלען זיי געוויסע פאָדערונגען, וואָס קענען אויסגעפיהרט ווערען בלויז אין סטאַדעס. דאָ טרעט דאָס קינד אַריין אין פיעל אויבער־פלעכליכע פערהעלטניסען, און דערפון ווידער איז דער פועל־יוצא — אויבערפלעכליכקייט פון געפיהל. אָט דערין בעשטעהט עס טאַקי די גרויסע געפאַהר פון דעם צו־פריה אָנגעפאַנגענעם שול־לעבען, פונקט אַזוי ווי דאָס צו־איינזייטיגע היימישע לעבען איז געפעהרליך דערמיט, וואָס דאָרטען ווערט דאָס געפיהל שוין צופיעל קאָנצענטרירט, ווערט שוין צופיעל פערטיעפט.

אין די ערשטע צוועלף יאָהר פונ׳ם קינד שטעלט זיך איין דאָס געפיהל און עס בעקומט זיין ענדגילטיגע ענטוויקלונג, וואָס שפּיעלט די ענטשיידענע ראָלע אויף דאָס גאַנצע לעבען.

דעריבער האָט די הויזליכע ערציהונג אין די דאָזיגע יאָהרען פונקט אזא וויכטיגע בעדייטונג, ווי דאָס לעבען פון די קינדער אין א געזעלשאַפט פון גוטע חברים שפּעטער, ווען זיי האָבען שוין אריבערגעטרעטען דעם צוועלפיעהריגען עלטער. די גאַנצע אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג לויט די אויסגעצייכענטסטע מעטאָדען, אַלע סאָציאַלע געפיהלען האָבען קיין שום ווערט ניט, אויב אין זייער יסוד ליגט ניט די ענטוויקלונג פון דעם אינדיווידועלען געפיהל. אום צו האָבען אין קאָפּ א ווירקליכען גלייכגעוויכט, מוז מען ערגיץ־וואו אין קערפער אויך פערמאָגען א הארץ. און נור דער וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו ליעבען א קליינע צאָהל נאָהענטע מענשען מיט אזא טיעפער ליעבע, אז ער קען פאר זיי שטארבען, וועט אימשטאנד זיין צו לעבען שען פאר א סך.

* *

*

אָבער איך וואָלט וועלען אריבערפיהרען א היים ניט נור דעם קינדער־גאָרטען, נאָר אויך די קליינקינדער־שולע. דאָרטען קאָן מען איינאָרדנען אזא אַלזייטיגע השגחה, וואָס אין אַן אַלגעמיינער שולע איז זי גאָר קיינמאָל ניט מעגליך; דאָרטען קאָן דאָס קינד בעפרייט ווערען פון אזא גייסטיגע שפּייז, וואָס עס פערלאַנגט ניט און וואָס ס'איז איהם אין זיינע יאָהרען גאָר ניט נויטיג. אין דער הויזליכער שולע קען מען איין קינד אָנהויבען לערנען לייענען פריער, דאָס אַנדערע שפּעטער; בעפריעדיגען די ארבייטסלוסט פון איינעם און דעם חשק צום לעזען פונ'ם אַנדערן; מיטווירקען דער קערפּערליכער ענטוויקלונג און דעם בקגרייפען דאָס אויסערליכע ווירקליכע לעבען דורך הויזליכע ארבייט, שפּיעלען און שפּאַציערען אויף דער פרייער נאַטור.

דעם אונטערריכט דאַרף מען אָנהויבען נור דאַן, ווען דאָס קינד אַליין פערלאַנגט עטוואָס צו הערען אָדער עטוואָס צו טאָן, וואָס דערצו פאָדערען זיך קענטניסען. דעם קינד וועט אינצווייען לייכטער זיין צו 10 יאָהר לערנען דאָס, וואָס עס לערנט איצט צו אַכט יאָהר, און צו אַכט יאָהר דאָס, וואָס עס לערנט איצט צו זעקס, ווען עס וועט אָנהויבען לערנען מיט אַנ׳ענטוויקעלטער בעאָבאַכטונג און מיט אַ לעבעדיגער ארבייטסלוסט. אַ שולע קען קיינמאָל ניט אַריינדרינגען אין די אייגענאַרטיגע פסיכאָ־לאָגיע פון יעדען קינד בעזונדער; זי קען ניט איינאָרדנען קיין פערשיעדענע מעטאָדען פון אונטערריכט פאַר די פערשיעדענע נאַטורען; זי איז ניט אימשטאַנד איינצושטעלען אַ ריכטיגע צוגעפאַסטע צייט פאַר׳ן לערנען דעם און דעם געגענשטאַנד און פאַר׳ן אויסרוהען פון איהם. די הויזליכע שולע אָבער מיט אַ קליינע גרופע גוט אויסגעוועהלטע חברים בלייבט אַלעמאָל דער בעסטער אופן פון אונטערריכט. ווענדען די גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט אויף צו ענטוויקלען די אינדיווידואַליטעט איז מעגליך נור דאַן, ווען מען זאָל לגמרי איגנאָרירען די שטונדען־צוטיילונגען און די פראָגראַמען. אַנדערש איז ניט מעגליך קיין ווירקליך־לעבעדיגער אונטערריכט. וועגען די מעלות פון דער מאָדערנער שולע געגען דעם הויזליכען אונטערריכט איז אַפילו ניט ווערט צו רעדען. די „אָרדנונג“ פון דער שולע, איהר „מעטאָדע“, איהר „סיסטעם“, איהר „דיסציפלין“ — וואָס די פערטרעטער פון דער שולע שטעלען זיי אַרויס אַלס איהרע מעלות — זענען פון מיין שטאַנדפונקט לויטער פעהלער. געוועהנען אַ קינד צו ערפילען זיין פליכט, צו ארבייט און רעגר־לערער, פינקטליכער טעטיגקייט, וואָס דאָס געהערט צו אַ געזונטער ערציהונג, קען די הויזליכע שולע דערגרייכען מיט אַ סך ווייניגער געקינסטעלטע מיטלען, מען שטעלט אַרויס נאָך

אַנ׳אַנדער איינגעבילדעטע מעלה פון דער שולע, אַז דאָס קינד ווערט דאָרט אַמיטגליעד פון אַ קליינער געזעלשאַפט, וואָס זי לערנט איהם סאָציאַלע פליכטען! אין אמת׳ן אָבער איז די היימישע סביבה די בעסטע ערציהערין פאַר סאָציאַלע פליכטען, דאָ אין די נאַטירליכע געזעלשאַפט, וואו דאָס קינד לערנט צו זיין טעטיג און צו העלפען איינס דעם אַנדערן.

דעם איינציגען איינענטליכען ווערט, וואָס די שולע גיט — דאָס חבר׳שאַפטליכע לעבען — קען געבען אויך די הויזליכע שולע, נור אָהן די געפאַהרען פון אָט דער חבר׳שאַפט אין דער סטאַדע־שולע. מיט די דאָזיגע געפאַהרען מיין איך ניט בלויז די שלעכטע איינפלוסען, נור, קודם כל, די קאָלעקטיווע פערטעמפונג אונטער׳ן מיינונגס־דרוק פונ׳ם רוב, וואָס ס׳קומט פאָר אינ׳ם סטאַדע־לעבען; די מורא פאַר דער „אַלגעמיינער מיינונג״, פאַר׳ן חוזק־מאַכען, די מורא, וואָס דער יסוד פאַר איהר ווערט געלעגט שוין אין די פריהעסטע קינדהייטס־יאָהרען, ווען די צאַרטע נשמה׳לעך זענען אַזוי לייכט אָפען פאַר אַזוינע איינפלוסען. די קלענסטע אָבווייכונג פון דער אָנגענומענער מאָדע אין דער קליידונג, אינ׳ם געשמאַק, ווערט אָהן רחמנות אויסגע־לאַכט, און ווען מ׳וואָלט געמאַכט אַנ׳אַנקעטע איבער די ליידען פון די קינדער דורך די טיראַניי פונ׳ם חבר־לעבען, די טיראַניי, וואָס טרעט אַרויס דאָ אין האַרטערע, דאָ אין ווייכערע פאָרמען — דאַן וואָלט די איינרעדעניש, אַז אין אָט דעם פרט קען גאָר קיין בעסערע שולע ניט זיין, געוויס פערלאָרען דעם באָדען! דערצו קומט נאָך די שול־דיסציפלין, ביי וועלכע אַלע יונים האָבען איין פנים, און דריקט אויף דער פערזענליכקייט פון אויבען, בעת דער חברים־קרייז פרעסט זי פון אַלע זייטען.

די ערשטע ערציהונג מוז דעריבער האָבען דעם ציעל, צו שטאַרקען די אינדיווידואַליטעט. די גאַנצע ביאָגראַפישע

ליטעראַטור זאָגט כמעט איינשטימיג עדות דערויף, ווי וויכטיג עס איז, אַז די גלאַטשיג מאַכענדיגע „געזעלשאַפטליכע ערציהונג״ פון דער שולע זאָל זיך ניט אָנהויבען צו פריה! דאָס וואָס אָט די ערציהונג הויבט זיך איצט אָן צו פריה, איז אויך איינע פון די אורזאַכען, פאַר וואָס „מיר טרעפען אַזוי אָפט אַזוי פיעל קלוגע קינדער, אָבער אויך אַזויפיעל, נאַרישע ערוואַקסענע מענשען״.

כמעט אַלע גרויסע מענער און פרויען, וואָס זענען געווען זעלבסטשטענדיגע דענקער און זעלבסטשטענדיגע שאַפער, האָבען בעקומען זייער בילדונג טיילס גאָר ניט אין קיין שולע. אַ טייל פון זיי האָבען זיך אַליין שוין אַלס דערוואַקסענע מענשען גענומען צו בילדונג, אַנדערע האָבען זייער בילדונג ערוואָרבען ניט מיט אַמאָל, און ווידער אַנדערע — אין פערשיעדענע שולען. ס'רוב עלוים האָבען בעקומען זייער בילדונג דורך אַ צופאַל, דורך דאָס לעבעדיגע צוקוקען זיך צו אַלץ אַרום, דורך אַ בוך, וואָס מ'האָט געלעזען בעהאַלטענערהייד, אָדער זוכענדיג און אויסקלייבענדיג אַליין דעם שטאָף פאַר זייער ענטוויקלונג.

געטהע'ס ערציהונג איז אין דעם פאַל אַן'אידעאַלע, אויב מען זאָל ניט רעכענען דאָס ביסעל קפדנות מצד זיין פאָטער. ביי זיין מוטער'ס אַרבייטס־טיש לערנט ער די ביבעל; פראַנצויזיש לערנט ער פון אַ טעאַטער־טרופע; ענגליש — ביי אַ שפּראַך־לעהרער צוזאַמען מיט'ן פאָטער; איטאַליעניש — הערענדיג ווי מען לערנט עס זיין שוועסטער; מאַטעמאַטיק — ביי איינעם אַ הויז־פריינד. די מאַטעמאַטיק בענוצט געטהע גלייך: צוערשט ביי זיינע קאַרטען־אַרבייטען, שפּעטער ביי זיינע אַרכיטעקטור־צייכנונגען. די אויפזאַצען זיינע פיהרט ער אין דער פאָרם פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין פערשיעדענע שפּראַכען צווישען מעהרערע ברידער און שוועסטער, צושפּרייטע אין פערשיעדענע לענדער, און ער לערנט בהתמדה געאָגראַפיע פון רייזע־בעשרייבונגען,

אום צו קענען געבען די שילדערונגען זיינע אנ׳אָרטליכען קאָ־לאָריט! ער וואנדערט ארום מיט׳ן פאַטער, לערנט זיך צו צוקוקען פערשיעדענע מלאכות, פיהרט אוים קליינע שליחות׳ן א. א. וו.

אָבער, — וועט מען טענה׳ן געגען דעם — ניט אלע מענשען זענען דאָך געניעס, און געראָדע דער רוב, יענע אלע, וואָס האָבען ניט קיין דייטליך אויסגעשפּראָכענע פעהיגקייטען, דאַרפען נויטיג די שולע. נאָר — צו גלויבט מען דען, אז דער צוזאַמענהאַנג צווישען דער אָריגינאַליטעט און דעם אונרעגעל־מעסיגען שולבעזוך איז מעהר ניט ווי א צופאַל־זאַך?! וויפיעל דערשטיקטע אָריגינאַליטעטען האָט די שולע צו פער־צייכענען איהר חטאים־רעגיסטער! אויסערדעם קומט אוים לויט דער דאָזיגער טענה, אז ביי אנ׳אָרימאַן דאַרף מען נאָך צונעהמען דאָס לעצטע; דער וואָס בעזיצט ניט קיין אָריגינעלע פערזענליכ־קייט, ווערט אין דער שולע געצוואונגען צו פערלירען דאָס ביסעל אָרימקייט, וום ער וואָלט קענען אָנרופען זיין אייגענס.

די אַמאָליגע שולע, מיט איהר חדר׳ן אויסוועניג א צוויי־דריי למודים, מיט איהרע ס׳רוב שלעכטע לעהרער, וואָס די שילער האָבען ביי זיי געקענט שלאָפען אָדער שטיפען, מיט איהר טרוקענעם לאַטיין־אונטערריכט, — אָט די שולע קומט אונז אוים ווילד. אָבער זי איז געווען וועניגער שעדליך פאַר דער פערזענליכקייט, איידער די איצטיגע שולע מיט איהרע גרינדליכע הבנות, מיט איהרע אינטערעסאַנטע לעקציעס, מיט איהרע פערפאָלקאָמטע מעטאָדען און אויסגעצייכענטע לעהרער, וואָס רוימען דעם שילער אָב יעדעס שטיינדעלע פון וועג און גרייטען איהם צו זיינע גייסטיגע שפּייז אזוי געשמאַק, ווי ס׳איז נאָר מעגליך, אפילו שוין צעקייט! און גראָד אָט די גוטע שולע לענט מיט איהר איבערטריבענער פיעלזייטיגקייט דעם יסוד פאַר די נערוועז־צורודערונג פון אונזער צייט און דורך די גייסטיגע

אָבגעלאָזענקייט, וואָס הערשט דאָרטען, רופט זי ארויס די אלע חסרונות און צרות פון אונזער עפּאָכע.

דאָס שטילסטע, געהאָרכזאַמסטע קינד האַלט מען פאַר דאָס בעסטע שול־קינד. דאָס הייסט אז די סאַמע שוואַכע און פאַרבלאָזטע נאַטורען ווערען ארויסגעשטעלט פאַר א „מוסטער״, און אויף אזא אופן ווערען שוין אין דער שולע פערפלאָנטערט און צעדרעהט די בעגריפען פון גוט און שלעכט. וואָס פאַסיווער עס זענען דער גוף און די נשמה פון קינד, וואָס לייכטער עס לאָזט זיך דרעסירען, אַלץ בעסערע רעזולטאַטען ערוואַרט פון איהם, פון איהר שטאַנדפּונקט, די שולע. די אָנפיהרער פון שטי־פעריען, די פער׳עקשנ׳טע אינדיווידועלע און די איינזייטיג אָריגינעלע קינדער זענען אין דער שולע אמת׳ע מאַרטירער פאַר זייער טעטיגקייטס־לוסט, פאַר זייער ווידערשפעניגען גייסט און פאַר זייערע „משוגעת׳ן״. בלויז א בעשטימטער זאָרט לייכטע, ליעבענסווירדיגע, רייך־בעגאַבטע נאַטורען קענען דורכגעהן די שולע אייניגערמאַסען פערהיטענדיג זייער אייגענאַרטיגקייט, אין נאָך בעקומען דערצו א גוטען אַטעסטאַט פאַר פלייסיגקייט, גוטע מדות, אָרדנונג און פאָרטשריט.

אין דער אויסגעצייכענטער מאָדערנער שולע ווערט די צערטליכע, קינדערשע פערזענליכקייט אריינגעפרעסט אין ראַהמען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, זי ווערט ארויסגעשליידערט אין ווינד און וואַלען, ווי א קליין שטיינדעלע אויפ׳ן ברעג ים. דאָ ווערט דאָס קינד געטראָפען פון איין וואַלענשלאָג נאָך דעם אַנדערן, טאָג פאַר טאָג און זמן פאַר זמן! א קלונג — דריי פער־טעל שעה רעליגיאָן; א צווייטער — פונקט אזוי פיעל געשיכטע; א דריטער — פונקט אזוי פיעל האַנדאַרבייט; א פיערטער — פונקט אזוי פיעל פראַנצויזיש; א פינפטער — ווידער אזוי פיעל נאַטורוויסענשאַפט. אויף מאָרגען נייע למודים אין נייע קליינע

פּאַרציעס. אויך נאָכמיטאָג — הויז־אויפגאַבען און שרייבענישען וואָס ווערען צוגעגרייט און פונאַנדערגעטיילט, און נאָכדעם מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט פּעררינגט. פונקט אַזוי ווערען אויסגעפרעגט די געמאַכטע לעקציעס לויט דער בעסטער מעטאָ־דיק, נאָכדעם ווי די מוטער האָט זיי שוין אויסגעהערט אין דער היים. אונטער דער קלאַפּעריי פון אָט די בוואַליעס ווערט בע־טויבט דער מוח, ס׳ווערען פּערטעמפּט און פּערשטומט די נשמות, אי פון די לעהרער, אי פון די שילער. אפילו די לעבע־דיגסטע לעהרער צאַפּלען זיך אין אַ פערשפּאַרטען שטייג פון פּאַדערונגען און איינרעדענישען, פון אונבעדינגטע „נויטווענדיג־קייטען" און מעטאָדישע „פּרינציפּען". נור זעלטען ראַטעוועט ערגיץ איינער זיין נשמה, ווערענדיג אַ פאַלשטענדיגער סקעפּ־טיקער. אַנדערע מאַכען פון די קלייניגקייטען אַ גאַנצען וועזען, וואָס דערפון העננט אָב דעם מענשענס גליק און לעבען. אַנדערע ווידער טוען נור און שטרעבען צו מאַכען פּערענדערונגען אין קלייניגקייטען, האַלטען זיך עצות וועגען פערבעסערען נישטיגע פּרטים! אָבער יעדע טיפע ענדערונג — דאָס הייסט, יעדע רעאָרגאַניזאַציע, וואָס ריהרט אָן ניט די מעטאָדען, נור דעם פּרינציפּ — ווערט צושלאָגען אָן דעם סיסטעם, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטען פון דער מלוכה: אָן דער אונטערטעניגקייט פון די עלטערען דעם דאָזיגען סיסטעם; אָן דער אונפעהיגקייט פון די פּעדאַגאָגען, גוט אַרומצוטראַכטען און צו בעגרייפען די פאָלגען פון אָט דעם סיסטעם; אָן דער אַלגעמיינער מורא פאַר ראַדיקאַלע היילמיטלען.

דאָס ציעל פון דער שולע — ווי אויך פון דער פאַמיליע און געזעלשאַפט — דאַרף בעשטעהן דעריין, אַז פערמעהרענדיג שטענדיג און פערגרעסערענדיג דעם מענשענס קראַפט און גליק, קעמפּפענדיג אָהן אויפהער געגען אַלע שעדליכע איינפלוסען,

וואָס דריקען און שטיקען דאָס לעבען, זאָל זי שטרעבען און ווירקען צו ענטוויקלען אַלץ העכערע פאָרמען פון לעבען.

די איצטיגע שולע אָבער ווירקט גראָד געגען אָט דעם ציעל.

ס'איז אַ גרויסער טעות, ווען מען ברענגט די צאָהל פון די שולען, זייער אויסגעצייכענטען וויסענשאַפטליכען מאַטעריאַל און אַזוי ווייטער אַלס אַ ראיה פאַר דער בילדונג פון אַ פאָלק. די ענטשיידענע בעדייטונג האָט נור דאָס, ווי מען פיהרט אין דער שולע דעם אונטערריכט, ווי מען געברויכט דעם וויסענ־שאַפטליכען מאַטעריאַל, וואָס פאַר אַ לימודים דאָרט ווערען געלערנט!

* *

*

פאַר דאָס קינד, ווי פאַר'ן דערוואַקסענעם, איז ריכטיג געטהע'ס וואָרט, אַז גליק איז די ענטוויקלונג פון אונזערע פעהיגקייטען. ביי דעם גערעכטענעם קינד קען מען פריה ענטדעד־קען, אין וואָס עס בעשטעהט זיינע פעהיגקייטען, און זיכער מאַכען זיין גליק דערמיט, וואָס מ'וועט איהם געבען די מעגליכ־קייט צו ענטוויקלען זיי. אָבער עס ניט אויך אַלגעמיין־מענשליכע פעהיגקייטען, וואָס זענען אייגען יעדען נאָרמאַלען מענשען, און די ענטוויקלונג פון אָט די פעהיגקייטען קען איהם ברענגען זיין גליק. צו די דאָזיגע פעהיגקייטען געהערט, למשל, דער זכרון, וואָס דער היינטיגער מענש האָט איהם כמעט אינגאַנצען פאַר־לאָרען. מיר שיטען טאָג־טעגליך אַש --- זאָגט מאַקס מיללער, --- אויף די גלות פון די זכרונות, בעת די מענשען פון די פערגאַנגענע דורות וואָלטען געוועזען בכח צו בעהאַלטען אין זכרון די אוצרות פון אונזער היינטיגער ליטעראַטור! צו אָט די פעהיגקייטען געהערט אויך, צום ביישפיעל, די דענק־קראַפט, ניט אין דעם

זין פון פילאָזאָפישען דענקען, נור אין איינפאַכערען זין פון בעאָבאַכטען, מאַכען אויספיהרונגען און אורטיילען. און פריהער פון אַלץ איז דאָס געפיהל איינע פון די אַלגעמיין-מענשליכע פעהיגקייטען וואָס ווערען אונטערדריקט פון דער היינטיגער שולע.

די מיינונג, אַז מאַטעמאַטיק און גראַמאַטיק ענטוויקלען די פעהיגקייטען פון שכל, איז אין גרונד אַ פאַלשע איינרעדעניש. דאָס קומט ערשט פאַר דאַן, ווען מען האָט דערגרייכט אין אָט די למודים אַ העכערע מדרגה. אָבער ס'איז ניטאָ קיין איין מענש, וואָס זאָל ערנסט קענען זאָגען, אַז די טעזען *) און היפּאָטעזען (השערות), די זאַצען און פּראָבלעמען, די כללים און אויסנאַהמען פון דער מאַטעמאַטיק און גראַמאַטיק, וואָס האָבען אין זיין קינדהייט איהם בעלעסטיגט זיין מוח, זאָלען איהם מיטעלבאַר אָדער אונמיטעלבאַר ברענגען נוצען ביים בעאָבאַכטען די נאַטור אָדער די מענשען און העלפען איהם מאַכען אפילו איין איינציגע אויספיהר, אַרויסטראָגען אפילו איין איינציגען בעשלוס. און איך האָב פון מאַטעמאַטיקער און שפּראַכענפאָרשער געהערט די זעלבע אפּיקורסות, וואָס איך זאָג דאָ אַרויס, אַז מאַטעמאַטיק און גראַמאַטיק, אויב מ'לערנט זיי ניט ספּעציעל אַלס וויסענשאַפטען, דאַרפען בעשרענקט ווערען ביז דעם אויסערסטען מינימום. אויב איינער האָט פעהיגקייט און חשק צו מאַטעמאַטיק, דאַן פערשאַפט איהם נאַטירליך דאָס שטודירען די וויסענשאַפט פערגניגען דערמיט, וואָס זי ענטוויקעלט זיינע פעהיגקייטען נאָך אַ געוויסער ריכטונג; דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם, וואָס איז פעהיג צו שפּראַכען־שטודיום. אָבער פאַר

*) אין דער לאָגיק הייסט עס אַזאַ געדאַנק, וואָס זיין אמת דאַרף ערשט בעוויזען ווערען דורך אַנדערע געדאַנקען.

די אַלע, וואָס האָבען ניט אַזעלכע ספּעציעלע פֿעהיגקייטען, האָבען די דאָזיגע למודים קיין שום בילדונגס־ווערט ניט, וואָרום די פֿעהיגקייטען צו בעאָבאַכטען נאַטור און מענשען, צו מאַכען אויספֿיהרונגען און צו אורטיילען, בלייבט פּונקט אַזוי אונענטוויקעלט נאָכ׳ן לייזען די אויפֿגאַבען פֿון מאַטעמאַטיק און נאָכ׳ן אויסלערנען די כללים פֿון גראַמאַטיק, ווי פֿאַר דעם.

נור דאָס לעבען — דאָס לעבען פֿון דער נאַטור און פֿון מענשען — דאָס אַליין נור ערציהט פֿאַר דאָס לעבען.

אַלץ, וואָס די וועלט פֿון דער נאַטור און די וועלט פֿונ׳ם מענשען שטעלט פֿאַר אין פֿערשיעדענע לעבענס־פֿאָרמען, אין שענהייטס בילדער, אין אופֿנים פֿון אַרבייט און אינ׳ם גאַנג פֿון די ענטוויקלונגס־פּראָצעסען, דאָס אַלץ, קאָן מיט דער הילף פֿון דער נאַטורוויסענשאַפֿט, געאָגראַפֿיע, געשיכטע, קונסט און ליטעראַטור, געבען ווירקליכע ווערטען פֿאַר׳ן זכרון, קען לערנען דעם פֿערשטאַנד צו בעאָבאַכטען, צו אונטערשיעדען און צו אורטיילען, קען אָנוואַרימען דאָס געפֿיהל און מיט זיין שטאַרקער וואַרימקייט דעם גאַנצען פֿערשיעדענאַרטיגען שטאָף אין יענע איינהייט צוזאַמענשמעלצען, וואָס זי אַליין הייסט נור בילדונג. ווירקליכקייטען — אָט דאָס איז, מיט איין וואָרט, דאָס, וואָס הויז און שולע דאַרפֿען געבען די קינדער אין גרויסע, רייכע, וואַרימע שטראָמען, און ניט פֿערהאַלטען די דאָזיגע שטראָמען מיט קיין שום קאַנאַלען און דאַמבעס פֿון מעטאָדיק, סיסטעמאַטיק, איינטיילונגען אויף קורסען און עקזאַמענס.

ס׳האָט ביי מיר נאָך קיין מאָל ניט געטראָפֿען, אַז איך זאָל לייענען אַ פּעדאַגאָגישען פּלפּול און די שענע ווערטער: „זעלבסטשטענדיגקייט״, „אינדיווידועלע ענטוויקלונג״, „פֿרייע בחירה״, זאָלען מיר ניט דערמאָנען אין דער מוזיק פֿון די מענשען־פֿרעסער בשעת זיי בראָטען אויפ׳ן פֿייער זייערע מענשען־

קרבנות. וואָרום ווי עס קומט צו דער פּראַקטיק — דאַן זענען די אָנמערקונגען און די אויסנאַהמען, וואָס דער פאַרשטעהער פון יעדען למוד וויל צוגעבען, פּשוט לעכערליך מיט זייער נישטיגקייט אין פערגלייך מיט די הויכע פּרינציפּען, וואָס קלינגען אונז אַרויס פון די דאָזיגע פּעדאַגאָגישע מעטאָדעס. סוף כל סוף ווערען די קינדער ווייטער געבראַכט פאַר קרבנות די בילדונגס־אידעאַלען, די פּעדאַגאָגישע סיסטעמען און די עקזאַמענס־פאָדערונגען, פון וועלכע מ׳האָט קיין מוט ניט אָבצוזאָגען זיך.

די אייבינע זינד פון דער שולע געגען די קינדער איז דאָס, וואָס זי רעדט שטענדיג וועגען דעם קינד. למשל: האַנד־ווערק און קונסט־האַנדאַרבייט האָט געוויסע גוטע ווירקונגען אויף דאָס קינד; בכן דאַרף די האַנדאַרבייט אַריין אין דער שול־פּראָגראַם און אַלע קינדער דאַרפען פון איהר בעקומען נוצען. אָבער — עס ניט קינדער, וואָס פאַר זיי איז די האַנדאַרבייט פונקט אַזאַ דערווידערדיגער און אונניצליכער צוואַנג, ווי לערנען לאַטיין. דאָס קינד, וואָס וויל זיין אַריינגעטאָן אין בוך, טאָר ניט געצוואונגען ווערען צום האַנדווערק, פונקט ווי מען טאָר ניט צווינגען צו ליטעראַטור דאָס קינד, וואָס פיהלט זיך גליקליך ביים הובעל־באַנק!

אַלע רייד וועגען „האַרמאָנישער אויסבילדונג” דאַרפען אָבגעשיקט ווערען אַהין, וואו ס׳איז זייער פּאַסיגסטער אָרט, — אין די פּעדאַגאָגישע קיך־וויסענשאַפט. האַרמאָנישע ענטוויקלונג איז געוויס דער שענסטער רעזולטאַט פון אַ מענשענס בילדונג. אָבער אַזאַ ענטוויקלונג קען דערגרייכט ווערען בלויז דורך די אייגענע בחירה. וואָרום זי פאָדערט האַרמאָניע צווישען די אייגענע פעהיגקייטען פונ׳ם אינדיווידיאום, און ניט האַרמאָניע לויט׳ן רעצעפּט פון דער פּעדאַגאָגיק. די שולע האָט צו דעם קיין שייכות ניט.

איינצעלנע רעפאָרמען אין דער היינטיגער שולע האָבע קיין שום בעדייטונג ניט. כל זמן ס׳ווערט דורך זיי בעוואוסטזיניג ניט פאַרבערייטעט יענע גרויסע איבערקערענים, וואָס זאָל חרוב מאכען די גאַנצע איצטיגע ערציהונגס־סיסטעם און זאָל פון איהר ניט איבערלאָזען אַ שטיין אויף אַ שטיין. יע, ס׳וואָלט געמוזט קומען אַ פעדאַגאָגישער מבול, וואָס נאָך איהם זאָלען בלייבען געראַטעוועט אין דער נייער נח׳ס תבה נאָר: מאַנטיין, רוססאָ, ספענסער און די נייע קינדערפּסיכאָלאָגישע ליטעראַטור! און ווען די תבה וואָלט זיך דאַן אָבשטעלען אויף דער יבשה, וואָלטען די מענשען ניט קיין שולען געבויט, נאָר וויינגערטנער געפלאַנצט, וואו די לעהרער וואָלטען געהאַט די אויפגאַבע „אויפצוהויבען די ווייַנטרויבען צו די ליפען פון די קינדער״, אָנשטאָט צו נעהרען די קינדער, ווי איצט, מיט׳ן קולטור־זאַפט, וואָס איז שון הונדערט מאָל צומישט מיט וואַסער!

די שולע האָט נור איין גרויסען ציעל: זיך אַליין אָבצור־שאַפען און אָנשטאָט דעם סיסטעם און די געקינסטעלטע פלאַנען צו דערלאָזען די הערשאַפט פון זעלבסטשטענדיגקייט, פון לעבען און גליק.

שוין פון קינדער־גאָרטען אָן איז איצט דאָס קינד, ווי געזאָגט, נור אַ מאַטעריאַל, וואָס ווערט פאָרמירט דאָ מיט בייזע, דאָ מיט פריינדליכע הענד. וואָרום אפילו די ווייכסטע, די בעשיינפערליך פרייעסטע מעטאָדע פיהרט צו איינזייטיגקייט ביי די זעלבע ארבייטען, די זעלבע איינדריקען, דער זעלבער דיסציפלין, טאָג פאַר טאָג, יאָהר פאַר יאָהר. און, אויסערדעם, אזוי ווי די שול טיילט קיין מאָל ניט איין איהרע קלאַסען לויט דעם טעמפעראַמענט און לויט די פעהיגקייטען פונ׳ם קינד, נור לויט זייער עלטער און זייערע ידיעות, ווערען דעריבער די פעהיג־ערע קינדער פער׳משפט צו אונערטרעגליכער לאַנגווייליגקייט

און צו פטר'ן אָהן אַ סוף צייט, וואַרטענדיג אויף די אַנדערע אָבגעשטאַנענע.

שוין ביי'ן סאַמע אָנפאַנגס־אונטערריכט דאַרף מען אויסנוצען די זעלבסט־בעאָבאַכטונג און די זעלבסט־טעטיגקייט פונ'ם קינד אַלס ערציהונגס־מיטלען און לייט־פּאָדים, פאַר דעם לעהרער אין זיין בעאָבאַכטען דאָס קינד.

אויב די דאָזיגע בעאָבאַכטונג וואָלט געווען אַ טיפע, דאַן וואָלט מען פון איהר קענען אַרויסדרינגען ניט אַלגעמיינע כללים, נור לויטער בעזונדערע פּרטים. איין קינד דאַרף זיך פערנעהמען מיט לעזען אָדער מיט ספּאָרט אָדער האַנדאַרבייט אין אַ גאַנץ פערשיעדענעם מאַסשטאַב, איידער דאָס אַנדערע קינד; איין קינד קען פריהער דערגרייכען די מעגליכקייט צו געניסען די בילדונגס־מיטלען פון בעזוכען מוזעען און מאַכען רייזען (אַמבעסטען צופוס) און א. וו., און אַנ'אַנדער קינד — שפּעטער. דאַן וועט די מאָס נויטווענדיגע למודים בעגרענצט ווערען ביז צום מינימום. וואָרום יעדער מענש דאַרף גאָר ניט האָבען קיין פּעק מיט למודים, אום צו וויסען אין לעבען, וואו איין און וואו אויס. גוט לייענען און ריכטיג אַרויסרעדען די קלאַנגען; שרייבען מיטביידע הענד; מאָלען איינפאַכע זאַכען, אַזוי, אַז מ'זאָל זיך קענען פערשטעהן אַזוי גוט אויף בילדער שריפט ווי אויף בוכשטאַבען־שריפט, ווייל דאָס איז אַ קונסט, וואָס מ'דאַרף גאָר ניט האָבען דערצו קיין קינסטלערישען טאַלענט; ווייטער, פּראַקטישער אונטערריכט פון געאָמעטריע, וואו עס פאָדערט זיך מעהר אויג, ווי קאָפּ. די פיער כללים פון אַריטמעטיק או דעצימאַלברוך — (צעהנטעל־תשבורת); געאָגראַפיע אַזוי פיעל מ'זאָל זיך קענען אָריענטירען אין אַ קאַרטע און אין אַ צייט־טאַבעלע; נאַטור־וויסענשאַפט אין אַזאַ מאָס, אַז מ'זאָל האָבען אַ גרונד־בעגריעף וועגען די איינפאַכסטע פאָדערונגען

פון היניענע; און לסוף די ענגלישע שפראך, וואָס איז נויטיג אינ׳ם וואַקסענדער פערקעהר מיט דער גאַנצער וועלט. דאָס אַלץ איז נויטיג און גענוג פאַר׳ן קינד, אום עס זאָל זיך קענען אַליין פונאַנדערקלייבען אין ביכער און אין לעבען. נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען מ׳וואָלט דערצו נאָך אויסלערנען פעררריכטען אַ זאָק, צונעהען אַ קנעפּעל און אַריינשלאָגען אַ טשוועק.

אין דער ווייטערדיגער בילדונג פונ׳ם קינד דאַרף אויך ליגען דער פּרינציפּ צו לערנען איהם נור דאָס, וואָס איז אַמנויטיגסטען פאַר זיין ענטוויקלונג, פאַר זיין גליק. דאַן איז די בילדונג ווי אַנ׳אויסגעהאַפּטע בעצירונג אויף אַנ׳איינפאַכען בגד. און אָט די אויסהאַפּטונג בעקומט איהר גאַנצען ווערט דורכדעם, וואָס דער מענש האָט זי געמאַכט אַליין מיט די הענד, אָבער ניט לויט בעשטימטע פאַבריק־מוסטערן מיט דער מאַשין.

בשעת עס וועט געלעגט ווערען דער אָנגעוויזענער, פאַר אַלעמען גלייכער, יסוד, דאַרף מען געבען די קינדער די מעגליכקייט צו פערטיעפען זיך אינ׳ם יידישען פאָסטוכער־לעבען פונ׳ם תנ״ך, אינ׳ם לעבען פון די גריכישע און צפון־אייראָפּייאישע געטער און העלדען אינ׳ם לעבען פון די פאָלקס־לעגענדען און פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע, אָבער נור דורך די ביכער, וואָס די קינדער בעקומען צום אונטערהאַלטונגס־לעזען. ביי היינטיגען טאָג אָבער מאַכט מען פון דאָס אַלץ לויטער שול־למודים.

וויבאַלד אַז דער יסוד איז איינמאָל אַוועקגעלעגט, דאַן וועט די שולע פון דער צוקונפט --- וואָס דאַרף זיין די שולע פאַר אַלעמען -- די אַלגעמיינע בילדונג פאָרטזעצען, אָבער לויט אַ פּראָגראַם, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר יעדען אינדיווידואום. אין אין דער שולע, וואָס איך טרוים וועגען איהר, וועט ניט זיין ניט קיין אַטעסטאַטען, ניט קיין בעלוינונגען; עס וועט ניט זיין קיי אַנדערע „צייטיגקייט־עקזאַמענס״, ווי נור דורך געשפּרעכען.

ביי אָט די געשפּרעכען וועלען ביי די עקזאַמענאַטאָרען האָבען אַנ־ענטשיעדענע בעדייטונג ניט פּעדאַנטישע קליינינקייטען, נור די גאַנצקייט פון דער בילדונג, די אַלגעמיינע קענטניסען. צו דעם דאָזיגען צוועק וועלען די לעהרער אַרומשפּאַצירען מיט די קינדער אויף דער פרייער נאַטור, אום דאָ רוהיג צו ערפאַהרען, וואָס די קינדער ווייסען פון דער נאַטור, פון די מענשען, פון די פער־גאַנגענע צייטען און פון דער איצט־צייט.

און דעם אונטעררִיכט, וואָס האָט אָט דעם ענדציעל פון דער בילדונג, וועט דער לעהרער פיהרען פונקט פערקעהרט ווי איצט. דער לעהרער וועט לאָזען די קינדער אַליין מאַכען אייגענע בע־אָבאַכטונגען; ער וועט די שילער ווייזען דעם וועג ביים אויס־קלייבען ביכער און דעם אופן, ווי מ'דאַרף אַרבייטען, אָבער ער וועט זיי ניט געבען צוערשט זיינע אייגענע בעאָבאַכטונגען, אורטיילען און קענטניסען אין דער פאָרם פון לעקציעס, פאַרטיגע בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען. אַמאָל קען דער לעהרער פערלאַנגען פון דעם שילער אַ ניט פאַרבערייטעטען מונדליכען אָדער שריפטליכען רעפעראַט, כדי צו דערגעהן, ווי וייט גרינדליך זענען די ידיעות פונ'ם שילער אין דעם למוד; אַנ'אַנדערס מאָל, ווען ער האַלט דעם שילער פאַר גענוג ענטוויקעלט דערויף, קען ער איהם געבען אַלס בעלוינונג פאַר די זעלבסטשטענדיגע אַרבייט, אַ צוזאַמענפאַסונג, אַנ'אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער אויפגעגעבענער וויסענשאַפט. דערצעהלען אַנ'איינדרוק, וואָס דערוואַרימט און וועקט; לסוף, קען ער פאָרנעהמען עקספּע־רימענטען, לויט דעם אייגענעם וואונש פון די שילער. אָבער די הויפּט־אַרבייט פון דעם לעהרער וועט בעשטעהן דערין, צו לערנען דעם שילער מאַכען זיינע אייגענע בעאָבאַכטונגען, צו לייזען זיינע אייגענע אויפגאַבען און צו געפינען זיינע אייגענע הילפס־מיטלען — אין ביכער, לעקסיקאָנען, קאַרטען און

דעסגלייכען; זעלבסטשטענדיג בייצוקומען זיינע שוועריגקייטען און אויף אזא אופן צו דערגרייכען דעם איינציגען מאָראלישען לוין פאר זיין מיה: א פערברייטערטען פערשטאנד, קרעפטען, וואָס ער, דער שילער, האָט ערצויגען אין זיך דורך אייגענעם קאמפף.

ניט דער שילער, וואָס זיצט און הערט און זעהט די ער־קלערונגען און עקספּערימענטען פונ׳ם לעהרער, קען זיך אויס־לערנען בעאָבאכטען נאטור און מענשען; ניט דער שילער, וואָס זיין שרייב־העפט ווערט אויסגעבעסערט מיט דער שטרענגסטער גענויאינקייט לערנט זיך אויס שרייבען; און ניט דער, וואָס פיהרט פּינקטליך אויס גאנצע סעריען מאָדעלען פון האנד־ארבייט, קען זיך אויסלערנען מאכען א וואָסער־ס׳איז געצייג פאר דער אלטעגליכער ארבייט! געבען דעם שילער די מעגליכ־קייט אליין צו מאכען ערפאהרונגען; אליין צו געפינען די אָנגע־דייטע פּעהלער; אליין אויסצוטראכטען זאכען, וואָס דארפען זעלבסטשטענדיג אויסגעפיהרט ווערען, — איבערהויפּט ניט צו פערריכטען איינצעלנע קלייניגקייטען, סיידען די פּעהלער זענען שוין צו גרויס, אז זיי קענען אָבנעהמען ביי׳ם שילער פיעל צייט אויף אליין צו פערריכטען; געבען דעם שילער די מעגליכקייט, זעלבסטשטענדיג זוכען צו געפינען די ריכטיגע, די פּאָלקאָמענע מיטלען, ווי אזוי מ׳דארף ארבייטען און אויסדריקען די געדאנקען, — אָט דאָס איז ערציהונג, אָט דאָס איז בילדונג!

די לעהר־ביכער וועלען אלע זיין פול מיט קראפט און לוסט. די כרעסטאָמאטיע וועט פערשווינדען און די יוגענד וועט בעקומען אין האנד די גרויסע ביכער, די אָריגינאלען, פערשטעהט זיך, אין בעארבייטונגען, אויב זיי וועלען בעלעסטיגט זיין מיט א סך איבעריגע פּרטים. די שול־ביבליאָטעק וועט זיין דאָס גרעסטע, שענסטע און וויכטיגסטע לעהר־צימער, און דאָס

אַרויסגעבען ביכער פון דער שולע וועט זיין אַ וויכטיגער טייל פון דער לעהר־טעטיגקייט.

איך שטעל מיר פאָר יעדע צוקונפטס־שולע ארומגערינגעלט מיט אַ גרויסען גאָרטען, וואו דאָס געפיהל פון שענקייט זאָל קענען געפינען זיינע אונמיטעלבאַרסטע שפייז, ווי עס איז שוין דער פאַל יעצט אין פערשיעדענע שולען. די קינדער וועלען אַליין פלאַנצען די בלומען אין דער שולע און אין דער היים, אַריינ־נעהמען זיי דערנאָך אין שטוב, אום צו בעפוצען דעם „פענסטער־גאָרטען", וואָס וועט ווינטער זיין אין אַלע שול־צימערן. דאָס וועט דאַן זיין דער נאַטירליכסטער אופן, ווי אזוי צו מאַכען דעם איינפאַכסטען פון אַלע שענהייטס־געוסען פאַר אַן׳אַלגעמיינע בעדערפעניס.

דורך בוכבינדעריי, סטאָלעריי און אַנדערע מלאכות, פונקט אזוי ווי דורך גערטנעריי און ספאָרט וועט מען דאַן בע־קומען די נאַטירליכע גימנאַסטיק, וואָס האָט אַ פיעל גרעסערע ערציהונגס־בעדייטונג איידער די מעטאָדישע גימנאַסטיק. די איינזייטיגקייט און צוועקלאָזיגקייט פון דער מעטאָדישער גימנאַסטיק איז פאַר די יוגענד אַ פיין. זי דאַרף נאָר פאָרקומען אין די טעג, ווען דאָס שלעכטע וועטער מאַכט אונמעגליך קערפערליכע איבונגען אונטערן פרייען הימעל. געוויס קאָן די גימנאַסטיק ווערען לעבעדיגער, ווען מ׳זאָל זי פערבינדען מיט פיזיאָלאָגיע און היגיענע, פונקט אזוי ווי די מאַטעמאַטיק ווערט אינטערעסאַנטער, ווען מ׳פערבינדט זי מיט האַנד־ארבייט און צייכענען. אָבער קיינמאָל קענען זי ניט פערגלייכט ווערען מיט דעם ווערט, וואָס ס׳האָט די נאַטירליכע פרייע בעוועגונג.

צוזאַמען מיט׳ן גאָרטען וועט די צוקונפטס־שולע האָבען אין הויז אַ זאַל און אויסער׳ן הויז אַ ספאָרט־פלאַץ פאַר טאַנצען און ווירקליך פרייע שפיעלען, דאָס הייסט אזוינע, וואו נאָכדעם,

ווי די קינדער האָבען זיך שוין אויסגעגערנט די שפּיעלען, זאָל מען זיי איבערלאָזען אַליין. אַ שפּיעל, וואָס פיהרט זיך שטענדיג אונטער די אויפזיכט פון לעהרער, ווערט אַ נאָכקרימעניס.

און פונקט ווי אַמאָל ביי די גריכען, וועט דאָס ציעל פון דער פיזישער ערציהונג זיין ניט בלויז די ענטוויקלונג פון קראַפט, נור אויך די אויסבילדונג פון שענקייט.

דורך פערשיעדענע מלאכות און גאָרטען־אַרבייט וועט אין דער מאַטעמאַטיק און פיזיק אין אַ סך פאַלען פערשפּאָרט זיין צונויפצושטעלען פאַרטיגע לעקציעס פאַר די קינדער, נור לאָזען זיי אַליין מאַכען ענטדעקונגען. לויט דער אויס־חזר׳ן־מעטאָדע דערוויסט זיך דאָס קינד, אַז דער קערנדיל וואַקסט אין וואַרימקייט און פייכטקייט. לויט דער ערציהונגס־מעטאָדע זייהט דאָס קינד אַליין דעם קערנדיל און זעהט, וואָס עס קומט פאָר. אַפילו איצט שוין טוט מען אַזוי אין איינינע שולען, אָבער נור אַלס בעוויז פאַר אַ פריער געגעבענעם כלל. דערין טאַקי בעשטעהט גראַדע דער טעות פון דער מאָדערנער שולע, וואָס אָנשטאָט צו געבען דעם קינד צייט און געלעגענהייט, אַליין פון די אייגענע פּראַקטישע בעאָבאַכטונגען אַרויסצוגעפינען און אויפצושטעלען די כללים, נעהמט זי זיך צו בעשטעטיגען מיט אילוסטראַציעס איהרע שוין פאַרטיג־געגעבענע כללים.

אין דעם צוקונפטיגען שול־בנין וועט גאָר ניט זיין קיין קלאַסען־צימערן. אָבער דאָ וועלען זיין פערשיעדענע זאַלען מיט אַ רייכען מאַטעריאַל פאַר פערשיעדענע למודים, און נעבען זיי אויך אַרבייטס־צימערן, וואו יעדערער וועט האָבען זיין בעשטימטען פּלאַץ פאַר זיינע זעלבסטשטענדיגע בעשעפטיגונגען. געמיינזאַמע פערהערעניסען קענען פאָרקומען נור דאַן, ווען אַ גרעסערע צאָהל שילער איז גרייט און פערלאַנגט פערהערט צו ווערען אין דעם זעלבען למוד, אָבער יעדער קען זיך מעלדען צום

פערהערען אונאבהענגיג איינער פונ׳ם אנדער׳ן. אין יעדען צימער און אויך אין דרויסען פונ׳ם שול־בנין וועלען ארכיטעקטור און דעקאראציע צוזאמען שאפען א שענעם גאנצען בילד. און די פריישטעהענדיגע קונסט ־ ווערק, וואס וועלען אויסערדעם בעפוצען די שולע, וועלען טיילס זיין אריגינאלען, טיילס אבגע־גאסענע סטאטוען און קאפיעס פון בעריהמטע אריגינאלען.

נור אויף אזא אויפן וועט געוועקט ווערען דאס קונסט־געפיהל, אבער ניט דורך דירעקטען אונטעררריכט וועגען קונסט, זאל זיין אין דער שולע אדער אפילו דורך בעזוכען מוזעען. די ליעבע צו קונסט ערוואכט נור דורכדעם, וואס מען איז ארומ־גערינגעלט מיט קונסט־ווערק, וואס מ׳נעהמט זיי אויף, מען בעגרייפט זיי רוהיג און פריי. פערלויפט מען אבער אפריהער דאס שטילע לאנגזאמע וואקסען פון דער ליעבע צו קונסט דורך ביכער־אונטערריכט, דאן מאכט מען מוטנע אפילו דאס וואסער פון אט דעם לעבעדיגען קוואל. דא, אזוי ווי אומעטום, צושטערט דאס אריינדרומלען אין קאפ די פריידע פון די אייגענע ענטדעקונגען: דער וואס ווערט שטענדיג ארומגעפיהרט פאר׳ן האנד, פערלירט גראדע די פעהיגקייטען אליין צו זעהן מיט די אייגענע אויגען. בנוגע צו קונסט, ווי בנוגע צו ליטעראטור און רעליגיאן, איז יעדער אונטעררריכט שעדליך, כל זמן די יוגענד האט אליין ניט אויסגעקליבען עפּיס דערפין אלס א ספּעציעלע וויסענשאפט. פּארטיגע בוך־קענטניסען מאכען טויט; דאס אייגענע דורכפיהלען מאכט לעבעדיג. אבער די ווארצלען פונ׳ם געפיהל קענען לייכט געשעדיגט ווערען.

וואס איז שייך די מוזעען־בעזוכען אונטער דער השגחה פונ׳ם לעהרער, זענען זיי ערשט דאן נוצליך, ווען דער שילער האט שוין זעלבסטשטענדיג געמאכט זיינע ענטדעקונגען. אט דאס דארף דער לעהרער מיטהעלפען. ביי׳ם לערנען די געשיכטע

פון גריכענלאַנד, למשל, זאָל ער פאָדערן פון דעם שילער אַ שילדערונג פון די גריכישע סקולפּטאָרען, וואָס מ׳קען זיי געפינען אין דעם און דעם מוזעאום; ביים לייענען צ. ב. וועגען די מלחמות פון האָללאַנד פאַר איהר בעפרייאונג — אַ בעשרייבונג פון די האָללענדישע בילדער און אַז. וו. ערשט נאָכדעם, ווי דער שילער האָט אויף אַזאַ אופן אַליין אַלץ בעטראַכט און בעאורטיילט, וועט אַ סינטעז*) פון זיינע ערפאַהרונגען ביים בעזוכען מוזעען ברענגען נוצען. דאָס גילט אויך בנוגע נאַטורוויסענשאַפטליכע, היסטאָרישע און עטנאָגראַפישע מוזעען, וואו דאָס ארומפיהרען אין זיי גרופּענוויז ברענגט זעהר קליינע רעזולטאַטען פאַר יענע קינדער, וואָס האָבען נאָך פון פריהער אַליין ניט געמאַכט קיין ערפאַהרונגען.

פונקט אַזוי ווי צווישען די ביכער פון דער שולע דאַרף זיך געפינען די בעסטע ליטעראַטור, סיי אין אָריגינאַל, סיי אין גוטע, לייכטע איבערזעצונגען, אַזוי דאַרפען דאָרטען זיין אויך אַרטיקלען, וואָס זאָלען קענען נוצען ברענגען די, וואָס אינטערעסירען זיך מיט קונסט. איבערהויבט איז ניטאָ קיין גרעסערער אומזין אין דער היינטיגער ערציהונג, ווי דאָס גענויע אויסזוכען ביכער, וואָס „פּאַסען" פאַר דעם אָדער יענעם עלטער. דאָס דאַרף זיין אין העכסטען גראַד אינדיווידועל און דאָס קען נור ענטשיידען ווערען דורך די פרייע בחירה פון קינד. רייניגען די קינדער־ביכער און געבען דער יוגענד די פרייהייט, צו לייענען די גרויסע (קלאַסישע) ליטעראַטור, דאָס איז אַ גרונד־בעדינג פאַר די געזונדטע ענטוויקלונג פון אָט דער יוגענד. צו דעם, וואָס ס׳איז נאָך פאַר׳ן קינד צו־פריה, וועט עס אַליין קיין חשק ניט האָבען. אַז אַ צעהניאָהריגעס קינד פערטיעפט זיך אין געטהע׳ס „פאוסט" — איך וויים אַזוינע פאַלען — דאַן בעקומט עס אַ

*) סינטעז — לאָגישע געדאַנקען־פערבינדונג.

לעבענס־איינדרוק נאָך זיינע יאָהרען נאָך, און דאָס וועט איהם ניט שטערען צו בעקומען פון דעם זעלבען ווערק צו צוואנציג יאָהר אנ׳אנדער איינדרוק און צו דרייסיג, צו פערציג יאָהר ווידער אנ׳אנדערן. קיין „געפאהרען״ פון דער גרויסער ליטעראטור קומט לגמרי ניט ארויס. דאָס וואָס ס׳רייצט־אויף עלטערע, בעריהרט גאָר ניט דאָס קיהלע געפיהל פונ׳ם קינד. און אפילו ווען די קינדער דערגרייכען שוין דעם עלטער, ווען זייערע שלאָפענדע געפיהלען ווערען לייכט רייצבאר, איז אויך דאן האָבען אויף זיי זעהר זעלטען די ווערק פון די גרויסע גייסטער, וואָס שילדערן די אונפערדעקטע נאטירליכע זאכען, א שלעכטע ווירקונג. די מאָדערנע ראָמאנען טוען דאָס, איבערהויבט די פראנצויזישע און די דאמען־ראָמאנען, וואָס בעפלעקען די פאנטאזיע, פערפעלשען די ווירקליכקייט און פערדארבען דעם געשמאק!

די קינדער קענען איצט ניט פערבלייבען אין אונוויסענהייט, ווען די אונפערשטענדיגע עלטערן זאָלען עס אפילו וועלען. און יענע אומריינע ידיעות, וואָס מ׳בעקומט אויף א גראָבען אופן און בסוד, וועלען האָבען א גרעסערע מאכט איבער די נשמות פון יענע קינדער, וואָס די ערציהער זייערע און די איינדריקען פון דער קלאסישער ליטעראטור און פון דער קלאסישער קונסט האָבען ניט געווירקט אבצוהיטען דעם פשוט־אונגעקינסטעלטען ערנסט צו די נאטירליכע ערשיינונגען.

דאָס פערשווייגען און בעהאלטען אונטער א שלייער פון געהיימניסען, פערקעהרט, צורייצט, פערפיהרט און פערדארבט, פאר די קינדער, וואָס זענען שוין דורכדעם פערדאָרבען געוואָרען, וועט אפילו דער תנ״ך זיין א בוך, וואָס רייצט די געפיהלען, פונקט אזוי ווי די נאקעטע שילדערונגען פון דער נייסטער ליטעראטור. אָבער אויף דעם רוהיגען געפיהל פון פערשטעהן

די נאַטירליכע ערשיינונגען קען געגרינדעט ווערען אַנ׳אמת׳ע אונשולד. און נור דורך אמת׳ע אונשולד ווערט דאָס לעבען, פונקט אזוי ווי די קונסט און די ליטעראַטור, גרויס און געזונד.

אין די ווערק פון די גרעסטע גייסטער עפענט זיך פאַר אונז אויף אַנ׳אונענדליכע וועלט, וואָס די עראָטיק (געשלעכטליכע ליידענשאַפטליכקייט) איז אין איהר נור אַ מאָמענט, און דאָס קיהלט זי שטאַרק אָב. די פאַנטאַזיע מוז אויסערדעם בעקומען נעהרונג, בדי זי זאָל ניט אויסגעצעהרט ווערען. טאָ זאָל זי בעקומען דאָס בעסטע פאַר איהר שפייז. זאָל דאָס קינד צוערשט שעפען דאָס פון מעשה׳לעך און דערנאָך פון דער קלאַסישער ליטעראַטור. נאָכמעהר דערפאַר, וואָס אויב ניט געלעזען אין דער יוגענד, בלייבט די קלאַסישע ליטעראַטור אָפט אינגאַנצען ניט געלעזען, ווייל די פערשיעדענאַרטיגע נייעסען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור הויבען שפּעטער אָן צו פערכאַפען דעם אינטערעס.

צו קענען גוט זעהען --- אין די וועלטען פון נאַטור, מענש און קונסט --- און צו קענען גוט לייענען, דאָס זענען צוויי גרויסע ציעלען, וואָס די ערציהונג פון הויז און פון שולע דאַרף צו זיי שטרעבען. ווען דאָס קינד קען אָט דיביידע זאַכען, קען עס כמעט אַלע אַנדערע זאַכען לערנען אליין. אין איין וועג וואָלט איך נאָך וועלען אָנווייזען דערויף, אז אַ געזונדטע ענטוויקלונג פון דער פאַנטאַזיע האָט ניט נור אַנ׳עסטעטישע, נאָר אויך אַנ׳עטישע בעדייטונג, זי איז אַ גרונד־בעדינגונג פאַר אַ סימפּאַטיע, וואָס ברענגט צו טעטיגקייט. אַ מאַסע גרויזאַמקייטען ווערען, צום ביישפּיעל, איצט בעגאַנגען דורך מענשען, וואָס זענען אין דער נאַטור ניט קיין שלעכטע, נאָר זיי האָבען ניט קיין גענוג־ענטוויקעלטע פאַנטאַזיע, אום איינצוזעהן, ווי זייערע מעשים ווירקען שלעכט אויף אַנדערע.

אין מיין געטרוימטע שולע -- נאָכדעם ווי עס וועט געלעגט ווערען דער אויבען דערמאָנטער גרונד -- הערשט וואהל־פרייהייט אין אלע למודים. די שולע לעגט נור די לימוד פּאָר, זי צווינגט אָבער קיינעם ניט זיי אָנצונעהמען. אינאיינעם מיט דער ענגלי־שער שפּראַך לערנט מען אין שול דייטש און פראנצויזיש, נאַטורוויסענשאַפט און מאַטעמאַטיק, געשיכטע און געאָגראַפיע. די מוטער־שפּראַך לערנט מען דורך פלייסיגע איבונגען אין רעדען, לייענען און שרייבען; אָבער די גראַמאַטיק, וואָס איז אין דעם פאַל פאַר די בילדונג און אויסאַרבייטונג פון אַ שפּראַך גאַנץ איבעריג, געהערט צום ספּעציעל־וויסענשאַפטליכען שטו־דיום, און ניט צו דער אַלגעמיינער בילדונג. פאַר די פרעמדע שפּראַכען ווערט אויך אָנגעווענדעט אַזוי פיעל גראַמאַטיק, וויפיעל ס׳איז אונבעדינגט נויטווענדיג בעקאַנט צו ווערען מיט דער ליטעראַטור, דאָס איינציגע ציעל, וואָס די אַלגעמיינע בילדונג דאַרף האָבען אין זינען. די אָבער, וואָס ווילען זיך אויסלערנען גיך און גוט רעדען און אָן פעהלערען שרייבען אויף די שפּראַכען, דאַרפען צוליעב דעם לערנען אַ לענגערערע צייט.

די, וואָס בעהערשען די ליטעראַטור, קענען שוין לערנען דאָס איבעריגע זעהר לייכט. דער, וואָס איז גוט בעקאַנט מיט אַ פרעמדע ליטעראַטור, וועט אויף דער שפּראַך פון אָט דער ליטעראַטור אָנשרייבען, הגם מיט פעהלערן, אַ סך אַ בעסערן בריעף, ווי דער, וואָס קען צוזאַמענשטעלען בריעף אָהן פעהלערן נור לויט די כללים פון גראַמאַטיק. ווען אַ קינד איז דורך דער שפּרעך־מעטאָדע אַזוי ווייט געקומען, אַז עס פערשטעהט שוין אַ לייכטערעס בוך, דאַן זאָל דאָס קינד מיט אַ ווערטער־בוך אין האַנד נעהמען לייענען אַ בוך נאָך אַ בוך און דאָס דורכגעלייענטע איבערדערצעהלען אויף אויסווענויג. אָט אַזוי ווערט געלעגט דער יסוד צום קענען די ליטעראַטור. אָבער ניט צו די שוין פאַרטיגע

מיינונגען פון דער ליטעראַטור געשיכטע! אין דער היימישער, אזוי ווי אין דער אויסלענדישער ליטעראַטור, דאַרף מען די יוגענד פיהרען צו דער עצם זאַך, ניט ווי איצט צום אָבגעשפי־געלטען בילד, צום ים, ניט ווי איצט צו דער קינסטליכער אָזערע. פיהרענדיג דאָס שפּראַך־שטודיום, דאַרף דער לעהרער צוגלייך שטרעבען, צו העלפען דעם שילער אין אויסקלייבען ביכער, ווי ווייט מעגליך, אין צוזאמענהאַנג מיט די אַנדערע למודים. ער רעקאָמענדירט, למשל, די ליטעראַטור, וואָס איז פערבונדען מיט׳ן שטודיום פון היסטאָריע, נאַטור־וויסענשאַפט און געאָ־גראַפיע. פון צייט צו צייט מאַכט דער לעהרער אַן איבערזיכט פון דאָס געלערנטע, ער לייענט עפּיס פאָר, אָדער ער וועקט ביי די שילער דעם חשק אליין פאָרצולעזען אַ שיר, וואָס זיי געפעלט. אָבער צו׳הרג׳ענען דעם פּאָעט, דאָס הייסט, צוהאַקען דאָס ווערק פון אַ דיכטער אויף סטראָפען און קלאַסיפיצירען זיי — איז פערבאָטען. די קינדהייט איז די בעסטע צייט אויף אויס־צולערנען שפּראַכען. אויף יעדע פרעמדע שפּראַך קען אָבגעגעבען ווערען אַ פּאָר יאָהר. אָבער לערנען עטליכע פרעמדע שפּראַכען מיט אַמאָל איז ניט גוט. פריער מוז געלערנט ווערען איין שפּראַך. ערשט דאַן, ווען דער שילער בעזיצט אין איהר אַ מעהר אָדער ווייניגער גרינדליכע קענטניס, זאָל ער אָנהויבען לערנען אַ צווייטע שפּראַך.

די וואָס ווילען פאָרטזעצען דאָס לערנען צייכענען אָדער אויסלערנען זיך אַ וואָסער ס׳איז מלאכה, קענען דאָס פעראייניגען מיט׳ן לערנען די הויפּט־למודים. באַהר געזאַנג דאַרף אויך פאָרקומען דאָס גאַנצע יאָהר אַלע טאָג, אין הויז און אויף דער פרייער לופט, נאָר בלויז אַלס מיטעל אויסצודריקען געפיהלען, אָבער ניט אויף אויסצובילדען מוזיקאַלישע פעהיג־קייטען, הגם דער געזאַנג קען אויך געבען דעם שטויס צו

ענטדעקען מוזיקאלישע טאלענטען.

וואָס איז שייך צו די פיער הויפט־למודים — געשיכטע און געאָגראַפיע, נאַטורוויסענשאַפט און מאַטעמאַטיק — דאַרפען זיי ניט געלערנט ווערען אַלע אין איין צייט.

אין מיין געטרוימטער שולע לערנט מען, למשל, מאַטע־מאַטיק אום ווינטער; זי פאַסט זיך טאַקי פאַר די קאַלטע און קלאָרע ווינטער־לופט! אָבער אין פריהלינג און אין הערבסט שטודירט מען דעם גאַנצען טאָג די נאַטור דרויסען אין דער נאַטור גופא, ניט יעדעס געביט פון דער נאַטור אַלס אַ בעזונ־דערן למוד, נור, פערקעהרט, די ידיעות אין געאָלאָגיע, באָטאַניק און זאָאָלאָגיע ווערען ערוואַרבען אין אַנ׳אומצוטרענליכען צו־זאַמענהאַנג. אויסלערנענדיג דורכ׳ס לעבעדיגע בעטראַכטען אַלע פרטים, בעקומען די שילער נאָכדעם אין אַ לעבעדיג־צוזאַמענגעשטעלטען לעהר־בוך אין גרויסע שטריכען אַנ׳אַלגע־מיינעם איבערבליק פון דעם, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעלערנט דורך זייערע פינף געפיהלען, אָדער זיי מאַכען אַליין — אין רעגענטעג — פונקט אַזא שריפטליכע און אילוסטרירטע איבער־זיכט. די אַלגעמיינע בילדונג בעשטעהט ניט דעריז, צו וויסען די צאָהל שטויב־פעדימלעך פון עטליכע הונדערט בלומען אָדער די צאָהל ביינער פון אַ סקעלעט. אָבער צו קענען פאָרשען און פאָלגען די געזעצען פונ׳ם לעבען און פון דער ענטוויקלונג אין דער נאַטור ארום אונז; אַליין צו בעאָבאַכטען און צו קאָמבינירען איהרע ערשיינונגען — אָט דאָס הייסט אַלגעמיינע בילדונג, אָט דאָס ווירקט אויפ׳ן געפיהל און פאַנטאַזיע, פונקט אַזוי גוט, ווי אויף דאָס דענקען און אויפ׳ן כאַראַקטער. דער מענש קומט אַלס דאָס לעצטע גליעד אין דער ענטוויקלונגסקייט. און דאָס שטו־דירען דעם מענשען האָט, פונ׳ם שטאַנדפונקט פון דער פיזיאָלאָגיע און היגיעניע, דעריבער אויך געדאַרפט זיין דאָס

לעצטע אינ'ם שול־פראָגראם. אָבער די פסיכאָלאָגיע פון קינד פאָדערט, אז דער שול־אונטערריכט זאָל זיך פערענדיגען מיט יענע וויסענשאפטען, וואָס לעגען דעם יסוד פאַר די קענטנים פון דער אָרגאַנישער נאטור, דאָס הייסט מיט פיזיק און כעמיע.

אין די נאטור־וויסענשאפטען הויבט מען שוין אָן צו ברעכען מיט דער פאַלשער מעטאָדע, אומצוקעהרען זיך אין די ווייטערדיגע, פערברייטערטע קורסען אימער צוריק צו דעמזעלבען למוד. אזוי דארף מען אויך דאָס קינד לאָזען אויף געוויסע צייטען פערטיעפען זיך אין געשיכטע אָדער געאָגראפיע, אום נאָכדעם די דאָזיגע למודים איינגאנצען צו פערלאָזען. דאָס אייביגע אומדרעהען זיך אין איין קרייזעל, דאָס מאָהלען ווי אין א מיהל, דאָס חזר'ן אויף אויסוועניג — דאָס אַלץ, וואָס האָט אַלס ענדע־ציעל דעם עקזאמען, וועלען פערשווינדען אינאיינעם מיט'ן עקזאמען. די ערפאהרונג, אז די קליינע איינצעלהייטען פון אַלע למודים גליטשען זיך אַרויס פון זכרון אין א פּאָר חדשים אַרום נאָכ'ן עקזאמען, און אז ס'רוב הויך־געבילדעטע מענשען האָבען קיין שום פאָרשטעלונג ניט פון דעם, וואָס זיי האָבען מיט אַלע קליפּערלעך ערוואָרבען אמאָל אין די שולען, בעת די איינדריקען פון גאנצע געגענשטאנדען האָבען געהאַט אַנ'איינפלוס אויף זייער נשמה און אויף זייער הארץ, אויף זייער ווילען און כאראקטער, — אָט די ערפאהרונג וועט דאָך אמאָל אָנגעווענדעט ווערען אין דער ערציהונג.

אין מיין געטרוימטער שולע וועט דער, וואָס אינטערעסירט זיך, צום ביישפּיעל, מיט געשיכטע, קענען פערווענדען די ווינטער־מאָנאטען אויף לייענען ווערק וועגען אָט דער וויסענ־שאפט, בעת אַנדערע פערטיעפען זיך אין מאטעמאטיק אָדער געאָגראפיע. אין פריהלינג קענען אָט די „היסטאָריקער" און „געאָגראפען" מיטגעהן אויף שפאציערען אַלס פאסיווע

צוהערער, בעת די „נאַטור־וויסענשאַפטלער" זאַמלען קאָ־
לעקציעס, צייכענען, מאָלען און מאַכען בעאָבאַכטונגען אונטער
מיקראָסקאָפּען... איין גרופּע שילער קען, למשל, לערנענדיג
געאָגראַפיע בעקומען אַ פאָרשטעלונג וועגען אַ צוזאַמענהאַנג
צווישען דעם לעבען פון דער נאַטור און דעם לעבען פונ׳ם
מענשען, און דאָס קען דערוועקען די גרופּע אין קומענדיגען יאָהר
צו נעהמען אַנטייל אין לערנען געשיכטע אום ווינטער און נאַ־
טורוויסענשאַפט אין פריהלינג און אין הערבסט. אַל׳די פער־
שיעדענע קאָמבינאַציעס, וואָס עס קענען זיך אויסטראַכטען די
עלטערען, לעהרער און שילער, קענען דאָ נור ווערען אָנגעצייכענט.
אין לעצטען פועל יוצא וועט פונדעסטוועגען אויף אַמאָל געלערנט
ווערען נור צוויי למודים, און נאָכדעם, ווי דער שילער האָט פון
זיי בעקומען יענע גאַנצע בילדונג, וואָס ער קען אויף דער שטופע
פון זיין ענטוויקלונג אין זיך אויפנעהמען, וועלען אָט די למודים
פערביטען ווערען אויף אַנדערע, און ערשט שפּעטער וועט מען
זיך צו זיי ווידער אומקעהרען, אויב עמיצער וועט זיך וועלען
ספּעציאַליזירען אין דער אָדער אין יענער ריכטונג. אַנשטאָט
דער צוטרענונג און צוברעקלונג פון די למודים, וואָס צושפּלי־
טערט אין דער איצטיגער שול די אינטערעס׳ען און די קרעפטען,
וועט אין דער נייער שול זיין די הויפּט־אויפגאַבע די קאָנצענט־
רירונג. ווען די בעשרייבונג פון די מלחמות וועט אין דער
געשיכטע פערנעהמען פונקט אַזאַ בעשרענקטען פּלאַץ, ווי
ס׳פערנעהמט איצט די קולטור־געשיכטע, דאַן וועט די היסטאָריע
ווירקליך קענען ווערען דאָס איינציגע, וואָס זי דאַרף זיין פאַר די
אַלגעמיינע בילדונג: די געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויק־
לונג. זי וועט מיטטיילען די וויכטיגירע שטריכען פון דער עטנאָ־
גראַפיע און דער סאָציאָלאָגיע; זי וועט בעקאַנט מאַכען מיט די
עקאָנאָמישע פּרינציפּען, מיט׳ן לעבען פון גרויסע פערזענליכקייטען,

מיט דער געשיכטע פון רעליגיאָנען, קונסט און ליטעראַטור. ביי דעם אונטעררײכט פון נאַטור־וויסענשאַפט און מאַטעמאַטיק וועלען געגעבען ווערען שילדערונגען וועגען די אויסגעצייכענטסטע מענער פון וויסענשאַפט, ענטדעקער און ערפינדער. די געאָ־גראַפיע ריהרט אָהן כמעט אַלע געביטען פון וויסענשאַפט, און לויט די געמאַכטע פּרובען קען מען האָבען אַ גוטען גרונד, דעם דאָזיגען למוד צו מאַכען פאַר׳ן צענטער פון׳ם גאַנצען אונטעררײכט.

* *

*

אין וואָס בעשטעהען די רעזולטאַטען פון דער היינטיגער שולע? אָבגעניצטע געהירנקראַפט, דאָס הייסט טעמפּיג־געוואָרענע גייסטיגע פעהיגקייטען, שוואַכע נערוועז, דערדריקטע אָריגינאַליטעט, אָבגעשלאָפטע אינציאַטיוו, קורצזיכטיגקייט בנוגע דער אַרומיגערווירקליכקייט, דערשטיקטער אידעאַליזם אונטער דער פיעבער־איילעניש, וואָס גיכער צו דערשלאָגען זיך צו אַ „קאַריער״ --- אַ ווילדע יאָגעניש, וואו די עלטערן און די קינדער קוקען אויפ׳ן פערליערען אַ יאָהר ווי אויף אַ גרויסען אומגליק! אַז די עקזאַמענס זענען שוין דורכגעמאַכט, און עס זענען שוין אַוועק אַ פּאָר יאָהר, דאַן ערוואַכט ערשט אין בעסטען פאַל דאָס בעדערפניש, אַנצוהויבען פון דאָסניי צו לערנען זיך שוין אויף אַ לעבעדיגערען אופן כמעט אין יעדען פּונקט. דער פועל יוצא דערפון איז, אַז דאָס רוב געענדיגטע, דיפּלאָמירטע זענען ניט אימשטאַנד צו לייענען אַ צייטונג מיט ווירקליכע נוצען פאַר זיך, און די, וואָס פערשטעהען אַ בוך אין אַ פרעמדער שפּראַך --- זענען זעלטענע אויסנאַהמען, אויב די הויז־לעהרע האָט ניט אונטערשטיצט דעם שול־אונטעררײכט.

דער געוועזענער פראָפעסאָר קעי האָט פון זיינע ערפאַהרונגען אלס לעהרער אין מעדיצינישען אינסטיטוט דערוויזען, אז די שילער ווערען שוין אין דער שולע אונפעהיג צו זעהן, צו דענקען און צו ארבייטען.

אָט די ערפאַהרונג וועט סוף כל סוף אין אייניגע הונדערט יאָהר ארום ברענגען דעם אונטערגאנג פון דעם שול-סיסטעם.

דאן וועלען פיליכט אויפקומען אָט די געטרוימטע שולען, וואו די יוגענד וועט קודם כל זיך אויסלערנען צו בעאָבאַכטען און צו ליעבען דאָס לעבען און וואו איהרע קרעפטען וועלען ציעלבעוואוסט פערהיט ווערען אלס דער העכסטער ווערט פון לעבען. דורך אָט די אלע געמיינזאמע בילדונגס-שולען וועט אויך פערגיבערט ווערען די נאַטירליכע איבערטאַסונג פון די שטאַנדען און קלאַסען. אדאנק אָט די שולען, וועט דאָס דאָרפס-קינד שטענדיג קענען אויפוואַקסען אויפ׳ן לאַנד און וועט ניט מוזען צוליעב בילדונג אוועקגעשיקט ווערען אין די גרויסע שטאָדט -- אינ׳ם פאַל, אויב עס וועלען נאָך דאן עקזיסטירען גרויסע שטעדט? און לסוף וועלען דאָרטען די יינגלעך און די מיידלעך געניסען אלע מעלות פון דער געמיינשאפטליכער ערציהונג, אָבער די בעזונדערע פעהינקייטען און נייגונגען פון די אָדער פון יענע וועלען פונדעסטוועגען ניט געשטיקט ווערען דורך דעם איינזייטיגען דרוק פון געמיינזאמע, געצוואונגענע עקזאמענס.

נאָכדעם, ווי די קינדער וועלען אומעטום אין לאַנד שוין האָבען אָבגעלערנט אין אזוינע ווירקליכע אלגעמיינע שולען ביז דעם פונפצעגנטען יאָהר, איינע פערנעהמענדיג זיך מעהר מיט פיזישער, -- וועלען זיך אָנהויבען די ספעציעלע שולען: שולען פאַר קלאַסישע שטודיען, פאַר פינקטליכע, פאַר סאָציאַלע אָדער פאַר עסטעטישע וויסענשאפטען; שולען פאַר קונסטען

און מלאכות, פאַר פערשידענע בערופען און עמטער; שולען מיט פערשידענע פרינציפען און מעטאָדען, שולען, וואָס קענע שאפען די פערשידענאַרטיגסטע פאָרמען פון בילדונג אויף צו ענטוויקלען די אינדיווידואַליטעטען. און אויף אזא אופן, אנ־שטאט צו בילדען ווי איצט שקלאַפישע נשמות אָדער שונאים פון אַלערליי פאָרמען, אונרוהיגער גייסטער, וועט די ערציהונג צושטעלען דער גייסטיגער און מאַטעריעלער קולטור — די ווי־סענשאַפטען און דער ערפינדונג, דעם קינסטלערישען שאפען און דער לעבענס־קונסט — פרישע פערזענליכע קרעפטען. זי, אָט די פרייע ערציהונג, וועט ענטוויקלען דעם מוט און די פעהיג־קייט, צו געפינען נייע וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, צו וועקען יונגע געדאַנקען, צו מאַכען דרייסטע ענטדעקונגען. און די אויס־געבילדעטע מענשען וועלען דאַן אריינטראָגען אין דעם גאַנצען גאַנג פון דער קולטור זייער געוועהנונג צו אייגענער בחירה, צו אייגענעם פאָרשען און פרובען, צו אייגענער טעטיגקייט, צו אייגע־נער מיה, וואָס די שול און די היים וועלען שוין האָבען געלעגט דערפאַר דעם גרונד. די צוטראַגענקייט און די אונרוהיגע זאָרג פון די היינטיגע עלטערן, „די קינדער צו עפּיס צו ברענגגען", וועט אין דער נייער שולע אינגאַנצען פערשווינדען. די שטילע, געהויבענע שטימונג פון דער שולע, וועט אין דער יוגענד אריינ־לעגען דעם גרונד פאַר דער איבערצייגונג, אַז דאָס וויכטיגסטע פון אַ מענשען איז ניט די פעולות זיינע, נור זיין וועזען. ס׳איז דאָ אַ גלייכוואָרט: געמיינע נאַטורען צאָהלען מיט דעם, וואָס זיי טהוען, עדעלע — מיט דעם, וואָס זיי זענען. דאָס איז אפילו אַ צור־הארט גלייכוואָרט, אָבער עס ענטהאַלט דאָך אין זיך אַ טיעפען אמת, וואָס איז אין דעם פאָריגען יאָהר־הונדערט פער־געסען געוואָרען.

אינ׳ם איצטיגען יאָהר־הונדערט, — אינ׳ם יאָהר־הונדערט

פונ׳ם קינד — וועט מען אפשר אויך אויף דעם געביעט פון פראקטישער ארבייט קומען דערצו, אז — בעת מאשינען און עלעקטריציטעט פיהרען אוים די ארבייטען, וואס קענען קיין שום שאפונגס־פרייד ניט געבען — וועט דאס האנדווערק ווידער ארייננטראגען א טייל גליק אין דעם מענשענ׳ס לעבען. מען וועט דאן דערלעבען א צווייטע רענעסאנס: ס׳וועט פון דאסניי אויפלעבען די פערזענליכע פריידע, וואס דער מענש פון פריהערדיגע צייטען האט געפיהלט בעת פון זיין האנד פלעגט ארויסגעהן א קונסטפולע בעפוצונג, א פארבענרייכע געוועב, א שענע שניצעריי. אויך אין דעם פאל פיהרט דאס איצטיגע שול־סיסטעם צו דער אגולנע פאבריקאציע פון אוננוציגע זאכען, אבער ניט צו אנ׳אמת׳ער ליעבע און אמת׳ן פערשטעהן א וואסער ס׳איז געוויסען ארבייטס־צווייג, צו יענער ליעבע און יענעם פערשטעהן, וואס פון זיי איז אין די גרעסטע צייטען פון דער קונסט ארגאניש ארויסגעוואקסען דאס קינסטלערישע שאפען.

* *

*

ערשט דאן, ווען מ׳וועט מסכים זיין, אז דאס איצטיגע סיסטעם פערשמעלערט, בעשרענקט אויף אלע געביעטען די נאטירליכע פעהיגקייט פון קינד צו קאנצענטראציע (טיעף בעטראכטען אלץ), קאמבינאציע (פעראייניגען פערשיעדענע זאכען, אומשטענדען אדער אויספיהרונגען) און ענטוויקלונג פון קראפט; ערשט דאן, ווען מ׳וועט איינזעהן, אז אפילו אין בעסטען פאל פערוואנדעלט אט די סיסטעם, אין לעצטען סך־הכל, דעם יונגען דור אין געהענדיגע טאשען־ענציקלאפעדיעס פון די ידיעות, וואס די מענשהייט האט ביז איצט דערגאנגען; ערשט, ווען מ׳וועט

דאָס מעהר ניט רופען „האַרמאָנישע ענטוויקלונג״ — ערשט דאַן וועט מען מודה זיין, אַז די שולע קען און דאַרף בעדייטען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַנ׳אַנשטאַלט, וואָס גרייט־צו די יוגענד, זי זאָל קענען אַליין פאָרטזעצען איהר בילדונגס־אַרבייט דאָס גאַנצע לעבען. און ערשט דאַן וועט די שולע ווערען אַנ׳אַנשטאַלט, וואו מען לערנט זיך פאַר דאָס לעבען, און ניט ווי מ׳ווערט איצט אין בעסטען פאַל — פערטריקענט פאַר׳ן לעבען.

*   *

*

אום פאָרצובערייטען לעהרער פאַר די שול פון דער צוקונפט, מוזען געעפענט ווערען אינגאַנצען נייע לעהרער־אינסטיטוטען. די פאַטענטירטע פעדאַגאָגיק וועט אָבטרעטען דעם אָרט דער אינדיווידועלער, און נור דער, וואָס איז פעהיג פון דער נאַטור אָדער ער האָט זיך אַליין דערצו ענטוויקעלט, צו שפּיעלען זיך מיט קינדער, צו לעבען מיט קינדער, צו לערנען זיך פון קינדער, ליעב צו האָבען קינדער, נור אַזאַ מענש וועט אָנגעשטעלט ווערען פאַר אַ לעהרער־ערציהער אין אַ שול, אום ער זאָל זיך דאָרט בילדען זיין פערזענליכע „מעטאָדע״. און אָנ־געשטעלט ווערען אָט די לעהרער נור נאָך אַ יאָהר פּראָבע; דעם אורטייל דאַרפען אַרויסזאָגען ניט בלויז די מיטגליעדער פון פּרובונגס־קאָמיסיע, וואָס זענען בייגעווען ביין אונטערריכט פון אָנהייב ביז׳ן סוף, נאָר אויך די קינדער! מען קען דער מיינונג פון די קינדער ניט געבען קיין אַבסאָלוטע, ענטשיידענדיגע בע־דייטונג, אָבער רעכענען זיך מיט איהר דאַרף מען, וואָרום דער אינסטינקט פון קינד קלייבט דאָס בעסטע אָהן דעם מינדסטען טעות.

און וואָס איז פאַר דאָס קינד דאָס בעסטע?
געטהע האָט געענטפערט:
ס'העכסטע גליק פון ערדען־קינדער
איז נור די פערזענליכקייט!...

ביי היינטיגע צייטען לויבט מען שטארק די אָביעקטיווי־טעט אינ'ם אונטערריכט. אין גענענטייל אָבער האָט יעדער גרויסער ערציהער געווירקט דערמיט, וואָס ער איז געווען אין העכסטען גראד סוביעקטיוו! דער לעהרער דאַרף ליעב האָבען דעם אמת, דעריבער טאָר ער קיינמאָל ניט ברענגען אויף צו בעשטעטיגען זיינע מיינונגען א פאַקט, וואָס ווענען איהם איז דאָ א מחלוקת! אָבער דערפאר, וואָס סוביעקטיווער ער איז, איז אַלץ בעסער; אַלץ פולער און אינהאַלטס־רייכער גיט ער איבער די קינדער דעם זאַפט און די קראַפט פון זיינע ערפאַהרונגען, זיין לעבענס־אָנשויאונג, זיין אייגענאַרטינקייט; אַלץ מעהר וועט ער מיטהעלפען זייערווירקליכער ענטוויקלונג, אויב ער וועט פאַראויס אָנמערקען, אז ער שפּאַרט זיי ניט אריין זיינע מיינונגען מיט א פערזיכערונג, אז זיי זענען אָהן פעהלערען, נאָר ער לאָזט דער יוגענד איבער, אין דעם פאַל אזוי ווי אין אנדערע פאַלען, די פרייע בחירה.

די לעהרער און לעהרערינס פון מיין געטרוימטער שול וועלען זיין פערנומען אַלע א קורצע צייט, וועלען האָבען פיעל פרייע צייט אויף רוה און א גרויסען לוין — וואָס וועט זיי געבען די מעגליכקייט פאַרטצוזעצען זייער אייגענער ענטוויקלונג, — און א דיענסט־צייט פון העכסטענס צוואנציג יאָהר. דאַן טרע־טען זיי אריין אין די שול־זשורי'ס (ראַטען), וואָס זענען צוזאַמענ־געזעצט פון עלטערן און לעהרער, אָדער זיי ווערען מיטגליעדער אין דער קאָמיסיע פאַר די „צייטיגקייטס־פּרובונגען" (עקזאַ־מענס). און אָט די עקזאַמענס וועלען פאָרקומען, ווי אויבען איז

אָנגעצייכענט, אַזוי, אַז יעדער עקזאַמענאַטאָר וועט צוזאַמען מיט העכסטענס פינף יונגע לייט פערברענגען אַ זומער אין דערהיים אָדער אין אויסלאַנד. ביי אַזאַ צוזאַמענלעבען איז ער אימשטאַנד ווירקליך צו בעשטימען די מאָס פון זייער בילדונג; צו פיהרען זיי ביי'ם אויסקלייבען אַנ'אויפגאַבע אין לעבען; צו געבען דער יוגענד אין דער פאָרם פון סאָקראַטעס מיטטיילונג *) דעם מוסר השכל פון לעבען, אָנשטאָט דעם אונטערריכט פון קאָנפירמאַציע (אַ מין בר מצוה ביי לוטעראַנער). אַזאַ מין קאָנפירמאַציע, האָף איך, וועט שוין דאַן מעהר ניט עקזיסטירען. וואָרום דער פסיכאָלאָגישער ווערט איהרער בעשטעהט ניט דעריין, וואָס מען לערנט דערפון, נור דער עיקר, אין דער ריכטונג פונ'ם שכל אויף די ערנסטע פראַגען און אויפגאַבען פון לעבען, און דעם וועקען צו עטישער (מאָראַלישער) זעלבסטענטוויקלונג. אָט די עטישע זעלבסטענטוויקלונג האָט אַ בעזונדער וויכטיגע בעדייטונג גראַדע אין דעם איבערגאַנג פון דער קינדהייט צו דער יוגענד. דאַן דאַרף מען דער יוגענד ענטדעקען די קונסט פון לעבען, דאָס הייסט, די קונסט, צו מאַכען די אייגענע פערזענליכקייט, די אייגענע עקזיסטענץ אַזוי פאָלקאָם, ריין און שען אין דער געשטאַלט פון אַ קונסט־ווערק; דעם סוד דאַרפען פערטרויען אַ קלוגער מאַן אָדער אַ קלוגע פרוי, וואָס האָבען נאָך אַליין דערהאַלטען זייער יוגענדליכקייט, אַזוי אַז זיי פערשטעהען די פריידען און שמערצען פון דער יוגענד, איהר שפּיעל און איהר ערנסט, איהרע חלומות און פאַרגעפיהלען, איהרע פעה־לערען און געפאַהרען. די פיהרער דאַרפען פונדעסטוועגען געבען נור זעהר פאָרזיכטיגע אָנווייזונגען, ווי אַזוי די יוגענד דאַרף אָנציהען איהרע מעלאָדיען פאַר'ן גרויסען אָרקעסטער פון לעבען.

*) ד. ה. אין אַ געשפּרעךפאָרם.

* *
*

מיין געטרוימטע שול וועט אזוי לאנג ניט צו שטאנד קומען, כל זמן די מלוכות וועלען ברענגען זייערע גרעסטע קרבנות דעם מיליטאריזם. ערשט דאן, ווען דער מיליטאריזם וועט פאלען, וועלען די מענשען אויף אזוי פיעל ענטוויקעלט ווערען, אז זיי וועלען פערשטעהן, אז דער טייערסטער שול־פלאן — איז דער בילינגסטער. ווארום דאן וועט מען אָנהויבען איינצוזעהן אין שטארקע מענשליכע מוחות און הערצער דעם העכסטען ווערט פון דער געזעלשאפט!

עס איז אלזא, ווי איך האב שוין געזאגט, ניט קיין רעפארם־פלאן פאר דער געגענווארט, נור איך גיב דא בלויז איבער מיין חלום וועגען דער צוקונפט.

אָבער נור חלומות זענען אין אונזער משונה׳דיגער עקזיסטענץ די אייגענטליכע ווירקליכקייטען!

* *
*

ווען מיין ארטיקעל איז שוין געווען אנגעשריבען, האב איך זיך דערוואוסט, אז אין ענגלאנד האט די קריטיק פון דער עקזיסטירענדיגען שול־סיסטעם געבראכט צו איינינע רעפארם־פרובען אויף דעם געביט, וואס איך וואלט וועלען איבערגעבען דא אין קורצען. דער וויכטיגסטער פאזיטיווער פועל־יוצא פון אט דער קריטיק ביז איצט, איז די שול, וואס ד״ר סעסיל רעדיע אין אבאטסהאלם, ראטשעסטער, סטאפפארדשיר, וואס איך האב וועגען איהר אנ׳אויספיהרליכען בעריכט.

ד״ר רעדיע זאגט, אז ער האט בעקומען אזוינע טיעפע

איינדרוקען פון דזשאָן ראָסקין, בנימין דיזראַעלי און קאַרלייל, ווי פון דער הערבאַרט־ריין־שול. איבערהויפט האָבען איהם איבערראַשט די געדאַנקען פון דער שול וועגען דע ראַיינהייט אָדער דעם אָרגאַנישען צוזאַמענהאַנג צווישען אַלע טיילען פון אונטערריכט. אָבער ד״ר רעדיע האָט זיין שול צוגעגעבען דעם כאַראַקטער פון זיין אייגענער פערזענליכקייט און פון דער בריטישער (ענגלישער) נאַציאָנאַליטעט. דעריבער איז אָט די שול געוואָרען אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגע און מוסטערהאַפטע העכערע נאָרמאַלע לעהר־אַנשטאַלט פאַר ענגלישע יינגלעך --- לויט דער פּראָגראַם צווישען 11 און 18 יאָהר, וואָס געהערען צו גלייכע קלאַסען. ביז 51 יאָהר איז די ערציהונג אונגע־פעהר די זעלבע פאַר אַלעמען; דאַן צושיידען זיך די וועגען, אום צו פיהרען צו פערשיעדענע בערופען און לעבענס־ציעלען. דער צוועק, יואָס מען שטרעבט צו איהם, איז צו דערגרייכען אַ נאַטירליכען צוזאַמענהאַנג צווישען די למודים פון דער שול און די ווירקליכקייטען פון לעבען, ווי אויך צווישען די פערשיעדענע למודים אין דער שול גופא. דער אונטערריכט פון מאַטעמאַטיק ווערט אָנגעווענדעט ביי׳ם אויסרעכענען, אויסמעסטען, אויס־אַרבייטען און איינאָרדנען פישער־שיפלעך, פויגעל־שטייגען, ספּאָרטס־פּלעצער און דעסגלייכען. די פּרינציפּען פון פערוואַל־טונג, וואָס מען ערקלערט אויף דער שטונדע פון געשיכטע, ווערען אָנגעווענדעט ביי דער אַרבייטס־צוטיילונג אין אָט דער קליינער קהלה, וואו יעדער האָט זיינע בעזונדערע אויפגאַבען, וואָס דיענען לטובה דער גאַנצער געמיינשאַפט. א ,,פּאַרלאַ־מענט״, וואָס בעשטעהט פון די יינגלעך גופא, בעשליסט געוויסע קהל׳ישע ענינים, הגם די סאַנקציע, די בעשטעטיגונג פון די בעשלוסען דאַרף געבען די ,,רעגירונג״. די פיזישע ענטוויקלונג ווערט דערגרייכט ניט נור דורך ספּאָרט, נאָר אויך דורך

ערנסטע ארבייט מיט ווירקליכע צוועקען אין די סטאָלער־ווערק־שטאַטען, אין פעלד און אין גאָרטען. די ענגלישע שפראַך ליגט אין יסוד פון דער שול, דערנאָך געהט פראַנצויזיש און דייטש, און אויפ׳ן לעצטען פּלאַן לאַטייניש און גריכיש. געשיכטע און געאָגראַפיע, וואָס פאַר זייער שטודיום עקזיסטירט אַ זעהר רייכער מאַטעריאַל, זענען צווישען זיך פערבונדען. אזוי אויך געאָגראַפיע און נאַטורוויסענשאַפט, וואָס ווערען געלערנט, ווי מעגליך מעהר אונטער׳ן פרייען הימעל און וואָס פיהרען מדרגות־ווייז צו אַנ׳אַלץ טיעפערען אַנאַליז פון דעם לעבען אין דער וועלט. די מאָראַליש־רעליגיעזע ערציהונג פערנעהמט אַ רעכטען פלאַץ, אָבער ניט דורכ׳ן אונטערריכט אין די רעליגיאָנס־דאָגמען, נאָר דורך דאָס עוואַנגעליום און דורך דאָס ביישפּיעל פון גרויסע פערזענליכקייטען. די קירך איז אויסגעפוצט מיט בילדער פון אַזוינע פערזאָנען, און דער גאָטעס־דיענסט ווערט אָפט פער־ברויכט אויף צו שילדערען זייערע לעבענס־שיקזאַלען. די מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע ערציהונג ווערט געגעבען אויף אָבענד־צוזאַמענקונפטען און אין דעבאַטען־קלוב ווערט ענטוויקעלט די רעדנער־פעהיגקייט. „באַלען" און „נאַגראַדעס" זענען אָבגעשאַפט, ווייל זיי זענען קינסטליכע און אַנטיסאָציאַלע אַנרייצונגס־מיטלען. דאָ, אַזוי ווי אין אַנדערע רעפאָרמירטע שולען, ערהאַלטען נאַטירליך די עלטערען ידיעות וועגען דער אויפפיהרונג פון זייערע קינדער, אָבער דאָס מעסטען די לערנ־דינגע ווערטען פון די קינדער מדרגות־ווייז איז לגמרי אויסגע־שלאָסען, ביי דער גרויסער פערזאַמלונג פון די עלטערען אום זומער ווערט די עלטערען געגעבען די געלעגענהייט, טיילס צו בעטראַכטען די שול, טיילס דורכצורעדען זיך מיט די לעהרער וועגען דער ערציהונג פון די קינדער. די שלאָפצייט אין דער אַבבאָטסהאָלמער שול דויערט פון 9 אָוועגד ביז 6 אין דער פריה.

דער טאָג נעהט אוועק אין אזא סדר: ערשטענס פריהשטיק, גימנאַסטיק, ערשטע לעקציע, וואָס געדויערט אזוי ווי די איבע־ריגע לעקציעס, יעדע צו 45 מינוט. נאכהער גאַטעסדיענסט, צווייטעס פריהשטיק, אויפרוימען די שלאָפצימערס, צווייטע לעקציע, צובייסען, דריטע — וואַנע, מיטאָגען; דערנאָך — מוזיק; דאַן פיער שעה פערשיעדענע בעשעפטיגונגען, ווי צייכענען, האַנד־ווערק, גאָרטענ־ארבייט, ספאָרט א. אז. וו. נאָכ׳ן טיי־טרינקען קומט די פיערטע לעקציע, דערנאָך אַנ׳אַלגעמיינע צוזאַמענקונפט מיט געזאַנג, פאָרלעזען שירים און דערגלייכען; צום סוף אָבענדברויט און תפילה.

אָט דאָס פראָגראַם גיט א סך גוטע האָפנונגען מיט דעם פראָפאָרציאָנעלען צוטיילען די צייט פאַר פיזישער, פראַקטישער, עסטעטישער און אינטעלעקטועלער (גייסטיגער) ענטוויקלונג. אָבער אין דער איינטיילונג געפין איך ניט די שטונדען, ווען די ייִנגלעך זאָלען קענען זיין איבער זיך גאַנץ פריי, אָהן א שום בעשטימטע בעשעפטיגונגען, לייענען פריי, שפּאַציערען אָדער פאַנטאַזירען און בכלל זיין אונאָבהעניג פונאיינאַנדער. פּראָ־פעסאָר סילדולי האָט אין אַנ׳ארטיקעל „וועגען דער ערציהונג פונ׳ם געניע״ בעוויזען דאָס, וואָס איך האָב געוואַגט צו בעה־הויפּטען: אז כמעט אַלע געניעס זענען געוועזען שלעכטע שילער אָדער האָבען בעקומען א ניט קיין רעגעלמעסיגען אונטערריכט, און האָבען אויסער דעם געהאַט וואונדערליכע איינפאַלען, משונה׳דיגע פאַנטאַזיען אָדער אַנדערע אַנטיגעזעלשאַפטליכע ציקאַווע טענדענצען. און פאַר אזוינע אייגענאַרטיגע נאַטורען — ווי איבערהויפּט פאַר די ענטוויקלונג פון אייגענאַרטיגקייט — איז עס פיעלייכט אין אַבאָסאָלוט ניט פיעל בעסער אוועק־געשטעלט איידער אין די שולען פון דעם אַלטען טיפּ.

שטודירען די ביאָגראַפיען פון גרויסע מענשען דאַרף ביי׳ם

פאַרברייטען אַנ׳ערציהער געהן אַלע מאָל פריהער פאַר דעם שטודירען די פעדאגאָגישע סיסטעם. וואָרום אַ סיסטעם — אַ פרעמדענס אָדער אַנ׳אייגענס — קען לייכט פערפלאָנטערען די נשמה פונ׳ם ערציהער און אראָבפיהרען פונ׳ם איינציגען שמאָלען שטעגעלע, וואָס פיהרט אין דער ערציהונג צום לעבען: נעמליך, צו געפינען אַ בעזונדער סיסטעם פאַר יעדען אינדוויריאום, וייל דורך די ביאָגראַפיעס ווייזט זיך אַרויס, אַז וואָס מערקווירדיגער אַ מענש איז נאָכדעם געוואָרען, אַלץ ווייניגער נאָרמאַל איז ער געווען אַלס קינד; אַלץ ווייניגער האָט ער זיך געקענט געפינען אין די נאָרמירטע פערהעלטעניסען, אַלץ ווייניגער איז געווען גוט פאַר איהם דאָס, וואָס פאַר אַנדערע איז גוט געווען, אַלץ מעהר האָט ער געמוזט געהן מיט זיין אייגענעם וועג. און אַזוי ווי מען קען קיין מאָל ניט וויסען אויף זיכער, וועלכע קינדער זענען געניעס, אין געגענטייל אָבער וויים מען, אַז ס׳וועט פאַר אַלע קינדער זיין גוט, אויב מ׳זאָל אַלעמען בעהאַנדלען אַלס אינדווידוען מיט פערשיעדענעם געשמאַק, מיט פערשיעדענע פעהיגקייטען, נייגונגען און בעדערפניסען, אַלזוי איז דאָס בעסטע דאָס יעניגע, ביז איצט נאָך ניט אויסגעפּרובטע סיסטעם, לויט וועלכען מ׳וועט פון איהם, פונ׳ם סיסטעם, אַוועקגעהן וואָס ווייטער אין אַ דער ריכטונג — סיי מיט די געוועהנליכע, סיי מיט די ניט געוועהנליכע קינדער!

עהנליכע פרינציפען ווי אין אַבבאָטסהאָלם ווערען דורכגעפיהרט אויך אין אַנ׳אַנדער לאַנדסשול, וואָס ס׳האָט געגרינדעט אין בעדאַל אַנ׳אַמאָליגער אַבבהאָטסלמער לעהרער, און ווייטער אין דער שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין אילזענבערג (אויף די האַרץ־געבירג דורך ד״ר ה. ליעץ). אויך אין פראַנק. האָט אַבבאָטסהאָלם געפונען נאָכפאָלגער. שוין איניגע יאָהר זינט עס איז פערווירקליכט געוואָרען אויף דער געדאַנק, וואָס איז

פאַר ענגלאַנד נאָך געווען אונגעוועהנליך, דער געדאַנק פון געמיינשאַפטליכער־ערציהונג פון יינגלעך מיט מיידלעך: טיילס אין דער געמיינשאַפטליכער שול אין בלאַקוועלל, טיילס אין אַ שול, וואָס ס'האָט געגרינדעט די „שול־געזעלשאַפט פון קעניג אַלפרעד״. דער צוועק פון אָט דער לעצטער שול איז אויפ'ן ערשטען פּלאַן, ביי דער ערציהונג צו ענטוויקלען דעם כאַראַקטער פאַר ווירקליכקייטען פון לעבען. געמיינשאַפטליכער אונטער־ריכט, צוזאַמענווירקען פון היים און שול און שטענדיגע פער־בינדונג פונ'ם קינד מיט די קאָנקרעטע ערשיינונגען פון ווירק־ליכען לעבען זענען דערצו די בעסטע מיטלען. אויך דאָ איז דאָס האַנדווערק געבראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט פיזיק און מאַטע־מאַטיק; אָבער דאָס הויפּטגעוויכט ווערט געלעגט אויף די הומאַניטאַרע וויסענשאַפטען, „וואָס ענטוויקלען די פאַנטאַזיע, וועהרענד די פאַנטאַזיע ווידער פערגרעסערט די פעהיגקייט פון דער סימפּאַטיע, און דאָס איז דער פונדאַמענט פון יעדע אמת'ער קולטור״. דאָס איז אין העכסטען גראַד אַ פרוכטבאַרער שטאַנדפונקט! געשיכטע, געאָגראַפיע און ליטעראַטור — איינ־זאַם מיט די לעבעדיגע שפּראַכען, אַלס מיטלען אָנצואייניגען זיך די ליטעראַטור — קענען מיט פולען רעכט הייסען די הויפּט־לימודים פון דער שול, בעת דער לימוד פון רעליגיאָן אין גע־וועהנליכען זין פון וואָרט קומט גאָר ניט פאָר. פאַר דעם אָנפאַנגס־אונטערריכט ווערען גאָר ניט בענוצט קיין ביכער, נור שפּאַציער־גענג אויף דער פרייער נאַטור אָדער ארום לאָנדאָן, בעזוכען אין מוזעען און אז. וו. די בעאָבאַכטונגען און ערפאַה־רונגען, וואָס די קינדער מאַכען דערביי, בילדען דעם אויסגאַנגס־פונקט פאַר זייער אונטערריכט, וואָס געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפט, און שפּעטער — געאָגראַפיע, געשיכטע און ליטעראַטור, בעלייכטען זיך ביי איהם, ביי דעם אונטערריכט,

איינע די אנדערע. האנד-ארבייט און ספאָרט ווערען בעטראַכט ניט אַלס אַברוהה, נור אַלס ארבייט; יעדער שבת איז איינגאַנצען אַ פרייער טאָג, און קיין באַלען און בעלוינונגען קומען ניט פאָר. נאָך צוויי־יאָהריגער ערפאַהרונג האָט מען געפונען אַז די גע־מיינשאַפטליכע ערציהונג האָט פערגרעסערט דאָס געפיהל פון אחריות און פון ארבייטס-לוסט, אַז דער צושטאַנד פון געזונד איז אויסגעצייכענט און אַז די מעטאָדע פונ׳ם אונטעררִיכט האָט ענטוויקעלט בעאָבאַכטונג, נאָכדענקען און זעלבסט־טע־טיגקייט.

די יינגסטע און ראַדיקאַלסטע פון די ענגלישע רעפאָר־מירטע שולען איז די געמיינשאַפטליכע שול „ראַסקין האוס־סקול״, וואָס איז געעפענט געוואָרען דורך האררי לאָנריסאָן. דער נאָמען פון דער שול בעווייזט, וואָס פאַר אַנ׳איינפלוס ראַסקינס פעדאַגאָגישע אנזיכטען האָבען געהאַט אויף איהרע גרינדער. אָבער מיסטער לאָוריסאָן איז ניט קיין „ראַסקיניאַנער״, ער האָט אַלע סימנים פון אַ נייעם מענשען, דאָס הייסט, ער איז אַ רעליגיעזער פריידענקער, אַ סאָציאַליסטישער אידעאַליסט, אַ נאַטוראַליסטישער פערגעטערער פון שענקייט און אַ פרייזיני־גער ענטוזיאַסט פאַר די ערציהונג דורך מענשליכקייט צו מענש־ליכקייט. מיסטער ל. איז פריהער געווען אַ לעהרער אין אַ געוועהנליכער שטאָדט־סקול און ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פערהאַסען אַזאַ עקעלהאַפט סיסטעם, וואו דריי־יאָהריגע עופה־לעך זיצען שוין שעה׳ן לאַנג יעדען טאָג אויף שלעכטע בענקלאַך אום אויסצולערנען זיך לייענען; וואו די קלאַסען קענען בעשטעהן פון הונדערט מיט פופציג קינדער; וואו זוברעווען, מעכאַנישעם פלאַפלען, איבונגען און קלעפּ זענען די מיטלען, וואָס ווערען אַנגעווענדעט, אום אָט די אָפּט שלעכט-גענעהרטע, ניט אויס־געשלאָפענע קינדער אריינצוקלאַפּען אין קאָפּ אַגעוויסע לעקציע

און אַ געוויסע דיסציפּלין, און וואו אויסער דעם הרג׳עט מען נאָך די קינדער מכות אכזריות, אויב זיי האָבען פערפעהלט חלילה אַמאָל צו קומען אין שול.

מיסטער ל. האָט סוף כל סוף ניט געקענט אויסהאַלטען אַזאַ סיסטעם, וואָס איז דער היפך פון אַלץ, וואָס אַ שול דאַרף זיין.

ער האָט פערעפענטליכט אַנ׳אַרטיקעל איבער זיין ערציהונגס־אידעאַל אין דעם סאָציאַליסטישען בלאַט „קלעריאָן״, אַרויסגעגעבען דורך ר. בלעטשפאָרד, און ער האָט געפרעגט, אויב עס זענען דאָ עלטערן, וואָס וואָלטען איהם וועלען אָנפערטרויען זייערע קינדער. ס׳האָבען זיך צו איהם געמעלדעט אונגעפעהר פינף און צוואַנציג קינדער, דערונטער עטליכע מיידלעך, און מיסטער ל. האָט בדעה צו פערבלייבען אויף אַלע מאָל ביי אַ קליינע צאָהל קינדער, ווייל נור אויף אַזאַ אופן קענען דערהאַלטען ווערען די פאַמיליענאַרטיגע פערהעלטעניסען, וואָס ער האַלט זיי מיט רעכט פאַר זעהר וויכטיג אום צו ענטוויקלען סימפּאַטישע געפיהלען. אין יאַנואַר 1900 האָבען מיסטער ל. און זיין פרוי שוין געקאָנט עפענען זייער שול אין הונסטאָנטאָן און נאָרפאָלק, וואו איך האָב די לעצטע וואָכען פון זומערסעמעסטער געהאַט די געלעגענהייט זי צו בעאָבאַכטען. די פריימוטיגקייט און די אָפענהערציגקייט פון די קינדער, אינאיינעם מיט זייער געהאָרזאַמקייט און גוטער האַלטונג, ווייזען אייך בעשיינפערליך ווי גוט, ווי ריכטיג ס׳איז די מעטאָדע, פאַר וועלכע מ׳האַלט זיך דאָ. פלינק, העפליך און פרעהליך ערפילען זיי זייערע הויזליכע פליכטען, זייערע אויפגאַבען און שפּיעלען. די פעהלער וואָס ווערען דאָ בעגאַנגען, ווערען פעררריכט מיט ערציהערישע שטראָפען, אָבער פון קלעפּ וויים מען דאָ אינגאַנצען ניט. דאָס הויפּט־ציעל פון אָט דער שול איז קערפערליכע

געזונדהייט און קלאָרעס פּערשטעהן די בעדינגונגען, וואָס זענען נויטיג דערצו. ווי ווייט מעגליך, ווערען די לעקציעס איבערגעגעבען אונטער'ן פרייען הימעל, און איבעררייסען אַ לעקציע אין צימער, כדי צו ווייזען די קינדער אַזעלכענע שענע נאַטור-ערשיינונג, האַלט מיסטער ל. מיט פולען רעכט פאַר אַ גוטע מעטאָדע. די שטונדען־צוטיילונג פון דער שול ווערט געמאַכט לויט דער צייט פון צופלוס און אָבפלוס אין ים, ווייל דאָס באָדען זיך — פונקט אַזוי ווי זון, לופט און געזונדע, זאַטע נאַהרונג — איז אַ נויטיגע בעדערפניס פאַר די ענטוויקלונג פון אַ האַרמאָנישען מענשען. אַלע נאַטירליכע קערפּער־איבונגען, ווי, למשל, שווימען, רודערן, שפּאַציערען צופוס און בעשעפטיגונג מיט סטאָלעריי, גאָרטען־אַרבייט און געהן אַרום בהמות, — שטעהען פיעל העכער פאַר'ן ריינעם ספּאָרט, הגם מ'קען דאָס אויך ניט פערנאַכלעסיגען. אָבער דאָ, אַזוי ווי אין אַנדערע פון די אויבענדערמאָנטע ענגלישע שולען, גיט מען שטרענג אַכטונג, אַז די לייב־איבונגען זאָלען ניט פערוואַנדעלט ווערען אין ספּאָרט.

די יינגלעך לערנען זיך פערשטעהן, אַז מענישקייט בעשטעהט ניט אין געשלעגערייען, נור אין מוט און אין אויסהאַלטען כאַראַקטער, אַז מילדקייט און גערעכטיגקייט זענען די פאַרנעהמסטע מענליכע מעלות. די פריינדליכקייט און די לעבעדיגע גרייטקייט איינער דעם אַנדערן צו העלפען, וואָס אַט די 11—10 יאָהריגע יינגלעך האָבען אַרויסגעוויזען, איז אויך געווען אין העכסטען גראַד צום בעוואונדערן. מיר דוכט זיך, אַז דאָ איז מקוים געוואָרען דאָס שענע וואָרט, וואָס דזשאָרזש עליאָט האָט נביאות געזאָגט אויף דער צייט, ווען „עס וועט פונקט אַזוי נאַטירליך זיין, העלפען אַנדערע, ווי צו זוכען אַ שטיצע, ווען מיר אליין האַלטען ביים פאַלען". די שול האָט ניט קיין תפלה־שטונדען, קיין חוב צו געהן אין קירך, נאָר אַ זעלבסטשטענדיגען

אונטערריכט פון קריסטענטום. אָבער אין איין זונטאָג הערען די קינדער אויפ׳ן ברעג ים דערצעהלענדיג וועגען יעזוס אין דעם אנדער זונטאָג וועגען בודא אָדער באַלדור אָדער אפאָללאָ. א טיעפער יראת הכבוד פאר יעדען רעליגיעזען גלויבען, יעדען עטישען אידעאַליזם פונקט אזוי ווי פאר דער געטליכקייט פון דער אייגענער נאַטור און פון דעם לעבען, וואָס ארום איהר, — אָט דאָס איז דער לייט-מאָטיוו ביי זייער גאַנצען אונטערריכט. אפילו אהן דעם אונטערריכט, נור דורך דאָס צוזאַמענלעבען אליין מיט זייער אלזייטיג-געבילדעטען לעהרער, ווערט זיי איבערגעגעבען דאָס פערשטעהן און די ליעבשאַפט צו אלע גרויסע ווערטען פון לעבען, וואָס זענען דער שענסטער רעזולטאַט פון בילדונג. ביי פלייסיגען קלייבען קאָלעקציעס און דירעקטען בעאָבאַכטען די אויסגעבילדעטע פאָרמאַציעס פון פעלזען און וואָלקענס, די געשטאַלטען און דאָס לעבען פון פלאַנצען און טיערען, בעקומען די קינדער א פאָרשטעלונג וועגען דעם פלאַץ, וואָס ס׳פערנעהמען די פערשיידענע נאַטור-ערשיינונגען אין דער קייט פון דער ענטוויקלונג און וועגען זייער קינדערשער אייגענער אָנפאַסונג צו דער ארומיגער נאַטור. דער לימוד פון צייכענען און מאָלען האָט א חוץ אנדערע זאַכען דעם ציעל צו לערנען די קינדער אָבצייכענען און מיט פאַרבען אָבמאָלען די געגענשטאַנ-דען פון דער נאַטור אין א „נאַטור-טאָג ביכעל״, און דער לעהרער שטרעבט אויסצונוצען אָט די זייט פון אונטערריכט דערויף, אום צו ענטוויקלען אין זיי ליעבשאַפט צו אָרדנונג און שענקייט, אויך די בעאָבאַכטונגס-קראַפט און די פעהיגקייט צו מאַכען אויספיהרונגען.

פראַנצויזיש און דייטש ווערט געלערענט לויט דער נייער שפּראַך-מעטאָדע, און דאָס ווייטערע שטודיום פון די שפּראַכען ווערט נאָך פערפאָלקאָמט דורך שול-רייזען, עקסקורסיעס אין

פרעמדע לענדער, און דערביי האָט מען נאָך אין זינען די אָבגעשטאַנענע שאָוויניסטישע מוחות צו מאַכען צייטיג פאַר קאָסמאָפּאָליטישערע שטאַנדפונקטען. ביים לימוד פון געשיכטע ווערען אויסגענוצט אַלס אויסגאַנגס־פונקט די דענקמעלער פון דער אומגעגענד, און מיט יעדען יאָהר ווערען די רייזען איבער׳ן היימאַטס־לאַנד אַלס מעהר פערברייטערט. אַריטמעטיק און געאָמעטריע ווערען געלערענט נור אַלס קאָפּ־רעכנונגען און אין דער פאָרם פון אַנשויאונגס־אונטעררינכט, וואָס ווערט אָנגעקניפּט אָן די טעגליכע ערפאַהרונגען. אין אָט דער שול זענען אָבגעשאַפט ניט נור בעלוינונגען און באַלען, נאָר אויך אַלע עקזאַמענס — אַלע געדאַנקען וועגען אַנ׳עקזאַמען אַלס ענדציעל! דאָס ציעל איז דאָס, וואָס ס׳דאַרף זיין דאָס ציעל פון יעדער שול: צו געבען דער געזעלשאַפט „פיזיש און פסיכיש שטאַרקע און געשיקטע מענשען, מיט רויטען בלוט, קלאָרע אויגען, ברייטער ברוסט; מענשען, וואָס זענען פול מיט גלויבען אין זיך און מיט מילדקייט, מיט אַ וואַכען בליק פאַר בילדער פון שענקייט; מיט אַ נשמה, וואָס שטרעבט אַריינצודרינגען אין געהיימניסען; מיט אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט און רופט זיך אָב אויף די פריידען און שמערצען פון אָט דער וואונדערבאַרער וועלט".

□ □ □

ס'זענען אַרויס פון דרוק און פערלאַג
„פאָלקסבילדונג"
אונטער די רעדאַקציע פון א. ליטווין
פאָלגענדע ווערק:

No.		פרייז
1—2	דר. י. בלומשטיין, „דער דאַרוויניזם און זיין טעאָריע"	
	פראָפּ. ג. רוה, „מאַן־און ווייב־לעבען ביי די חיות"	20 ס.
3	ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, „וואָס איז קונסט?" איבערז. דורך ה. קאַלמאַנאָוויטש	10 ס.
4—5	עלען קעי, „די שולע פון דער צוקונפט" איבערז. דורך י. גאָלדשמידט	20 ס.

עס דרוקען זיך און קירצליך ערשיינען:

6.	פראָפּ. אַרנאָלד דאָרעל, „די רעליגיאָן פון דער צוקונפט" איבערז. דורך ח. שאָוס	
7—8	א. ליטווין, „קאַפּיטלאַך היסטאָריע" (די רעוואָלוציע פון די מאַקאַבעער און דער העלד פון דער ספירה)	
9	ס. קאַמענעצקי, „וואָס איז אַזוינס לקוי חמה?" (אַ פּאָפּולער אַסטראָנאָמישער שמועס)	

הויפּטפערקויף ביי דעם:

YIDDISH LITERARY VERLAG

256 East Broadway New York, N. Y.